בעזהשי"ת

פסח תשפ"ה



# דעם רבינ'ס
# פסח ליכט

## ווי נעמט מען דעם פסח אליין???








## פסח אין סטאלינגראד

ליינט אויף זייט 19

# לשנה הבאה בני חורין

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער גַאנְצֶער סֵדֶר נַאכְט וֶוענְדֶט זִיךְ נָאר אִין עֶנְק
ווי מְ'דֶעט אִין דִי הַגָּדָה: דִי קִינְדֶער זָאלְן פְרֶעגְן דִי קַשְׁיוֹת, אוּי אִיךְ וַוארְט אוּן בֶּענְק...
וְכַאן הַבֵּן שׁוֹאֵל. דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְקַיֵּים אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה
וָואס דָאס אִיז מִצְוַת "וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ" אַזַא לִיכְט אִיז פֶּסַח שׁוֹרֶה
אִין דִי נַאכְט וֶוערְט אַוֶּועקְגֶעלֵייגְט דִי גְרֶעסְטֶע יְסוֹדוֹת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל
דִי גַאנְצֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים פוּן הַיינְט אוּן פוּן אַמָאל
דִי אֱמוּנָה אִין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה צַדִּיקְ'ל גֶעבּ נָאךְ אַ טְרַאכְט
אוּן כְּלַל קְדוּשַׁת יִשְׂרָאֵל וֶוענְדֶט זִיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע נַאכְט.

קִינְדֶער נִיצְט אוֹיס אֵייעֶרֶע אוֹצְרוֹת
אַפָּאר שְׁטִילֶע מִינוּטְן אִין דִי טֶעג טוּט אוֹיף גְּדוֹלוֹת וּנְצוּרוֹת
גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער אַז הָשַׁתָּא עֲבָדִים
מֶען זָאל שׁוֹין אָבֶער זַיין זוֹכֶה אַז לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין
יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ קְנֶעכְט, אִין גָלוּת קַייט
קוּמֶענְדִיגֶעס יָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיסְגֶעלֵייזְט אוּן בַּאפְרַייט
עֶס זָאל שׁוֹין זַיין לַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר
דִי הַסְתָּרָה אוֹיפְן כְּבוֹד שָׁמַיִם זָאל שׁוֹין וֶוערְן בָּהִיר
אוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס כָּבוֹד זָאל שׁוֹין לַייכְטְן
אוֹיף אֶנְקוּם פוּן מָשִׁיחַ טוּעֶן מִיר זִיךְ אַלֶע רֶעכְטְן.

# דער ריינער קוואל

## די שמחות פון א גאנץ יאר אינאיינעם

בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה, אַז מִיר שְׁטֵייעְן שׁוֹין בַּיים הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער עִיקָר נָאנְטְקֵייט פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז דוּרְךְ דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח. וויפִיל צַייט הָאבְּן מִיר גֶעוַוארְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּענְקְט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן גֶעהָארֶעוֶועט אָנְצוּקוּמֶען צוּם יוֹם טוֹב, יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין דָא.

לָאמִיר זֶען אַ קְלֵיינֶע בְּרִיוו פוּן ר׳ נָתָן וואוּ עֶר רֶעדְט אַרוּם וֶועגְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם יוֹם טוֹב: ״מָה נָּשִׁיב לה׳ כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלֵינוּ״ הֵייבְּט אָן ר׳ נָתָן מִיט זַיין בְּרִיוו אַז אוֹיף יֶעדֶע מִצְוָה בִּפְרָט דִי מִצְוֹת וָואס מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים אִין דִי יָמִים טוֹבִים הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֶבִּי׳ן גֶעוַואלְדִיגֶע הוֹיכֶע אוּן טִיפֶע דִיבּוּרִים, ווֶערְטֶער וָואס דֶערְקְוִויקְן יֶעדְן אִיד אִין וֶועלְכֶע אָרְט אָדֶער דַּרְגָּא עֶר גֶעפִינְט זִיךְ. צוּם בַּיישְׁפִּיל: אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח רֶעדְט דֶער רֶבִּי אַרוּם אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער. לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט אֵיין דִבּוּר פוּנֶעם רֶבִּי׳ן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן מֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יָאר, זַאמְלְט זִיךְ אֵיין אוּן קוּמְט צוּ גֵיין אִין דִי יָמִים טוֹבִים אוּן לוֹיט דִי מִצְוֹת אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שִׂמְחָה. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט שַׁייכוּת דִי שִׂמְחָה פוּן שָׁלֹשׁ רְגָלִים צוּ דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן אַ גַאנְץ יָאר? אִין תּוֹרָה ל׳ זֶעעֶן מִיר אַ תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז דֶער עִיקָר שִׂמְחָה בַּאקוּמְט אַ אִיד וֶוען עֶר טוּט אַ מִצְוָה, אוּן דֶער עִיקָר שִׂמְחָה לִיגְט אִין הָארֶץ, וַוייל וויפִיל מִיר שֶׁעצְן בַּיי אוּנְז אִין הַארְץ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן לוֹיט דֶעם בַּאקוּמֶען אוּנְז שִׂמְחָה אוּן מֶען פְרֵייעְדְט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מִיט דֶעם טוּעֶן מִיר דֶעם רָצוֹן פוּן אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס אִיז דִי שִׂמְחָה פוּן יוֹם טוֹב, וַוייל דֶעמָאלְטְס קוּמֶען זִיךְ צוּנוֹיף אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת פוּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין פוּנֶעם שִׂמְחָה פוּן יוֹם טוֹב אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

לָאמִיר זֶען וויאַזוֹי ר׳ נָתָן בֶּעט אִין אַ תְּפִלָּה אוֹיף תּוֹרָה ל׳ אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער פָּאטֶער, הָאבּ אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת מִיט דַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, הֶעלְף מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי אַלֶע דְרַיי רְגָלִים, פֶּסַח, שָׁבוּעוֹת, סֻכּוֹת, מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה אוּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פְרֵייד, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי יָמִים טוֹבִים מִיט אַלֶערְלַיי כָּבוֹד אוּן שֵׁיינְקַייט, מִיט עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, מִיט פְרִישֶׁע קְלֵיידֶער, מִיר זָאלְן נִישְׁט טוּן קֵיין מְלָאכָה וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. מִיר זָאלְן דַאוֶונֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה אוּן שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת אַזוֹי וִוי אַ אִיד דַארְף דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אִין יוֹם טוֹב קוֹדֶשׁ.

זַיי אוּנְז מְזַכֶּה, הֶעלְף אוּנְז טוּן אַסַאךְ מִצְוֹת אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַז דִי שִׂמְחָה פוּן אַלֶע מִצְוֹת פוּן אַ גַאנְץ יָאר זָאל זִיךְ צוּזַאמְקְלַייבְּן צוּם הֵיילִיגְן הָארְץ, וָואס דָאס אִיז דִי שָׁלֹשׁ רְגָלִים, דוּרְכְדֶעם זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַן אֱמֶת׳ע שִׂמְחַת יו״ט אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דַיין רָצוֹן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט ׳וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּיךָ׳, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן גָאר גָאר שְׁטַארְק, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שִׁיר הַשִּׁירִים ׳נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ׳ אַז דוּ הָאסְט אוּנְז אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן דֶערְהוֹיבְּן הֶעכֶער אַלֶע גוֹיִם.

הֶעלְף אוּנְז צוּ טוּן תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה אוּן גִיכְן זָאלְסְטוּ שׁוֹין שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק, זַיי שׁוֹין מְקַיֵּים דֶעם צוּזָאג פוּן ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״ אוּן זַיי אוּנְז מְזַכֶּה אַרוֹיפְצוּגֵיין צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ דָארְט בִּיקְן צוּ דִיר אִין דִי דְרַיי רְגָלִים אָמֵן וְאָמֵן.



# עצות מיט א געבעט

## הלל מיט א קול

דורכ'ן זאגן הלל מיט א הויך קול, איז מען זוכה צו אהבת השם יתברך.

(ספר המדות - אהבה אות ח')

## צדקה תציל ממות

די צדקה וואס מ'גיבט אויף צרכי פסח איז גאר א גרויסע זאך און איז זייער מסוגל, א רמז; צדקה תציל ממות איז ראשי תיבות "מצת", מרמז צו זיין אז דורך צדקה ווערט מען ניצול פון חמץ וואס איז די בחינה פון "מָוֶת" - א רוחניות'דיגע טויט רח"ל (זוה"ק), און מען איז זוכה צו קדושת פסח ומצה!

(תנ' ר"א, עי' ליקוטי עצות)

## תפלה אויף שמחה פון יו"ט

רבוש"ע, העלף אונז מקבל צו זיין די אלע הייליגע ימים טובים מיט גרויס שמחה מיט קדושה וטהרה, מיר זאלן זוכה זיין צו דערהערן אין דעם הייליגן יו"ט דער קול וואס דער יו"ט רופט אויס; אז די וועלט ווערט נישט געפירט פון זיך אליין בדרך הטבע ח"ו, נאר אלעס ווערט געפירט פונקטליך לויט דיין הייליגע רצון אליין, און דורך די אמונה זאלן מיר זוכה זיין צו דעם אמת'ן שמחת יו"ט, מיר זאלן זוכה זיין צו זיין גאר גאר פרייליך אין דעם הייליגן יו"ט אזוי ווי עס שטייט "ושמחת בחגיך".

(ח"ב תפלה ד')

## די 'שמחה' פון יום טוב

די ימים טובים ווערן אנגערופן "מקרא קודש" - "א הייליגע רוף", זיי רופן אויס אז אלעס ווערט געפירט מיט'ן אויבערשט'נס ווילן און עס איז נישט פאראן קיין שום טבע, ווייל אין די 'ימים טובים' האט השי"ת געטוהן מיט אונז די אלע וואונדער וואס זיי זענען 'היפוך הטבע'; "פסח" האט ער אונז ארויסגענומען פון מצרים מיט גאר גרויסע נסים, "שבועות" איז געווען די מעמד קבלת התורה מיט פילע פארכטיגע וואונדער, און אזוי אויך "סוכות" איז א זכר צו די ענני הכבוד וואס איז געווען א גרויסע נס פון השי"ת, און דורך די אלע וואונדערליכע מופתים פון די שלש רגלים איז נתגלה געווארן אז אלעס ווערט געפירט נאר מיט רצון השם, און גארנישט איז נישט געבונדן צו די טבע.

(תורה ד' חלק ב')

## תפלה אויף תשובה

רבונו של עולם, העלף מיר זיך מקדש צו זיין אין די הייליגע חדשים פון 'ניסן' און 'תשרי', וואס זיי זענען טעג פון תשובה. העלף מיר איך זאל זיך אין זיי אומקערן צו דיר בתשובה שלימה, און זיך מקדש זיין אין זיי בקדושה יתירה ובשמחה גדולה. איך זאל זוכה זיין ממשיך צו זיין אויף מיר 'קדושה' און 'תשובה' פון די צוויי חדשים אויף א גאנץ יאר.

(פון תפלה מ"ט)

## א חודש פון תשובה!

'חודש ניסן' איז א חודש פון 'תשובה' אזוי ווי חודש תשרי. אזוי ווי חז"ל זאגן; בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל - אז די 'גאולה העתידה' וועט זיין אין 'חודש ניסן'. און די גאולה גייט דאך זיין דורך 'תשובה', אזוי ווי די גמרא זאגט; אם ישראל עושין תשובה - נגאלין, דעריבער איז חודש ניסן - די חודש פון גאולה - א זמן פון תשובה!

(ליקוטי מוהר"ן תנ' מ"ט)

## תפלה אויף א ריינע דעת

הייליגער באשעפער, העלף אז מיר זאלן זוכה זיין מקבל צו זיין דעם הייליגן יו"ט פסח בקדושה ובשמחה, מיר זאלן זוכה זיין מסדר צו זיין דעם הייליגן סדר פון פסח בקדושה גדולה, אזוי ווי עס דארף צו זיין. זאלסט אונז העלפן אז מיר זאלן זאגן די הגדה של פסח בקול רם, מיט גרויס כוונה און מיט גרויס שמחה, מיט א התעוררות און התלהבות. אונזער קול זאל מעורר זיין די כוונה, און מיר זאלן זוכה זיין דורכדעם צו תיקון הדעת און תיקון הברית בשלימות באמת.

(פון ליקוטי תפלות תפלה כ')

## וואס געשעהט ביים זאגן די 'הגדה'

דער עיקר פון גלות מצרים איז געווען, דאס אז די 'דעת' איז געווען אין גלות, און ווען די אידן זענען ארויסגעלייזט געווארן, האבן זיי זוכה געווען צו אן 'התגלות הדעת'. דער וועג וויאזוי די אידן האבן זוכה געווען צו די התגלות הדעת, איז דורכדעם וואס זיי האבן געשריגן צום אויבערשטן מיט אן הויך קול, אזוי ווי עס שטייט; ונצעק אל ה' וישמע קולנו וישלח מלאך ויוציאנו ממצרים, ווייל די 'קול' איז מעורר די דעת, דעריבער זענען זיי דורכדעם ארויסגעלייזט געווארן. אויך איז די התגלות הדעת מסוגל צו 'תיקון הברית' דעריבער, אז מ'זאגט די הגדה של פסח מיט א הויכע קול איז עס זייער מסוגל צו תיקון הברית!

(תנ' כ')



מַיין בְּרוּדֶער מֵיילֶעך הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ גֶעוִויסֶע סָארְט שְׁפִּיל קַארְטְל
וָואס אֵיין אִינְגל הָאט גֶעהַאט אוּן אַסַאךְ אִינְגְלֶעך הָאבְּן גֶעוָואלְט זִיךְ טוֹישְׁן מִיט אִים. יֶענֶער
אִינְגְל הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט זֶען וֶוער עֶס הָאט דִי בֶּעסְטֶע קַארְטְלֶעך וֶועט עֶר טוֹישְׁן מִיט
אִים. מֵיילֶעך הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל עֶס בַּאקוּמֶען. לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער אִינְגְל
נִישְׁט גֶעטוֹישְׁט מִיט אִים אָבֶער בַּיים אַהֵיימְקוּמֶען הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַן אַנְדֶערֶע אִינְגל וָואס
הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט דִי גוּטֶע קַארְטְל אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט מִיט אִים נִישְׁט אֵיין קַארְטְל
נָאר צְוֵויי!..

אַזוֹי אוֹיךְ הַאלְט עֶר אִין אֵיין מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף גוּטֶע קַארְטְלֶעך אוּן בַּאקוּמְט/טוֹישְׁט אַרוּם נָאךְ
אוּן נָאךְ גוּטֶע קַארְטְלֶעך.

~ ~ ~ ~

לְכָבוֹד דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּגֶעוואוֹינְט צוּ לֵיינֶען הֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת אִין דֶעם אָפְּטֵיילוּנְג. אִיךְ הָאבּ אַ
מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גָארְנִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל נָאר זֵייעֶר פָּשׁוּט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז
אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ נַייעֶ זֵייגֶער לְכָבוֹד פֶּסַח אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס טַאקֶע בַּאקוּמֶען.
מֶען כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט וָואסְפַארַא גֶעוַואלְדִיגֶע חִידוּשׁ דָאס אִיז. יֶעצְט וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אוּם
אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע הוֹיז אוּן מֶען וואוּנְדֶערְט זִיךְ וִויאַזוֹי הָאבְּן דִי אַלֶע אִידְן גֶעהַאט אַזוֹיפִיל
שֶׁפַע אֲלָפִים וּרְבָבוֹת צוּ קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן דֶעם יוֹם טוֹב, דָאס אִיז נָאר דִי תְּפִלּוֹת וָואס דֶער
טַאטֶע אִין הִימְל הֶערְט אוּנְז אוֹיס אוּן שִׁיקְט אוּנְז נָאךְ אוּן נָאךְ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער ר'
נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין," אַז ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַזַא דִבּוּר אִיז
טַאקֶע דָא אִין דֶער וֶועלְט אַזַא בְּרָכָה אוּן דֶער צוּזָאג וֶוערְט בַּאגְלֵייט פַאר אַלֶע
אִידִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת.

אִין דֶעם יוֹם טוֹב וֶועל אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאנַייעֶן מִיט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע
הֵיילִיגֶע עֵצָה צוּ בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיין פְּרָט, אִיךְ
וֶועל אֲפִילוּ מַאכְן קְלֵיינְטְשִׁיגֶע תְּפִלּוֹת אָבֶער דֶער עִיקָר אַז יֶעדֶע
זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ זָאל וֶוערְן בַּאגְלֵייט מִיט אֱמוּנָה.

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן אֵייעֶר אַרְבֶּעט וָואס אִיר שְׁטֶעלְט צוּ
מִדֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ פְּרִישֶׁע לִיכְטְלֶעך צוּ בַּאשַׁיינֶען דֶעם
רֶבִּי'נְס זַאךְ.

מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



ניסן תשפ"ד

# א בריוועלע פון
# רבי נתן



בָּרוּךְ הַשֵּׁם, יוֹם ה׳ שְׁמִינִי, תקצ״ט.

מַיין לִיבּ קִינְד! ...יֶעצְט לֵייג צוּ דַיינֶע אוֹיעֶרְן אוּן הֶער גוּט אוֹיס מַיינֶע רֵייד; זָאלְסְט וִויסְן אַז דָא נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק, וָואס עֶר הָאט זִיךְ כְּסֵדֶר מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִי אֶמֶתֶ׳ע גוּטְס פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער - זֵיי אוּמְצוּקֶערְן צוּ תְּשׁוּבָה מִיט זַיינֶע גָאר ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת, וָואס דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אוּן מִיט זַיינֶע ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע הוֹיכֶע הַשָּׂגוֹת הָאט עֶר אוּנְז צוּאַוִויסְן גֶעטוּהְן; אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ יֶעדְן טָאג מְחַזֵּק זַיין אוּן מְחַיֶּה זַיין דוּרְךְ יֶעדֶע ״נְקוּדָה טוֹבָה״ וָואס עֶר גֶעפוּנְט בַּיי זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט דָאס אַרַיינְגֶעטַיישְׁט אִין פָּסוּק; וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע... אוּן אִין פָּסוּק; אֲזַמְּרָה לֶאֱלֹקַי בְּעוֹדִי...

... אוּן דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן ״פֶּסַח״, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אוֹיף דִי אִידְן בֶּעפָאר זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם; וְאַתְּ עֵרוֹם וְעֶרְיָה וָאֶעֱבֹר עָלַיִךְ וָאֶרְאֵךְ מִתְבּוֹסֶסֶת בְּדָמָיִךְ, דָאס מֵיינְט אַז זֵיי לִיגְן אִין דִי נַארִישֶׁע מִיאוּסֶ׳ע תַּאֲוֹות - וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי, וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ אִין דַיינֶע הֵייסֶע בְּלוּט פוּן תַּאֲוֹות רַחֲמָנָא לִצְלַן - אִין דֶעם אַלֵיין זָאלְסְטוּ לֶעבְן! אַז אֲפִילוּ דֶעמָאלְטְס אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִיר אַסַאךְ ״נְקוּדוֹת טוֹבוֹת״, אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוּן בֶּענְקְסְט צוּם אֱמֶתֶ׳ן גוּטְ׳ס, אוּן פְּרָאבִּירְסְט יֶעדֶעס מָאל אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.. וָואס דָאס אִיז דִי עִיקָר מַעְלָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דִי מַלְאָכִים - צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר פַארְמָאגְט אַזַא יֵצֶר הָרָע מִיט אַזוֹינֶע בִּלְבּוּלִים, אוּן עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַזַא וֶועלְט וָואס אִיז פוּל מִיט שְׁקָרִים אוּן פָּאפֶּעַרַיי אוּן בִּלְבּוּלִים אוּן טִרְדוֹת הַפַּרְנָסָה, דֶערִיבֶּער אִיז גָאר טַייעֶר בַּיי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֶעדֶע גוּטֶע רִיר צוּם גוּטְ׳ן...

... וָואס זָאלְן מִיר זָאגְן? וָואס זָאלְן מִיר רֶעדְן? וָואס זָאלְן מִיר אָפְּצָאלְן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹיף זַיין גוּטְס? מִיר דַארְפְן אִים לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען אוּן זָאגְן דֶעם גַאנְצְן הַלֵּל, בִּפְרָט פֶּסַח, אוֹיף דִי אַלֶע אֱמֶתֶ׳ע חֲסָדִים נִצְחִיִּים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן מִיט אוּנְז - דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת. אוּן אַזוֹי זָאל עֶר מוֹסִיף זַיין זַיינֶע חֲסָדִים מִיט אוּנְז, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין אִין אוּנְזֶער לֶעבְן מְקַיֵּים צוּ זַיין זַיינֶע רֵייד בֶּאֱמֶת - ״נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ״.

דִי רֵייד פוּן דַיין פָּאטֶער אוּן רֶבִּי,

נָתָן מִבְּרֶסְלַב

# עצות פון רבי'ן – רעטעניש



| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מ | ר | ד | ה | ש | ג | א | ט |
| ג | ע | ב | ח | צ | ב | כ | ו |
| ה | נ | נ | מ | צ | ד | י | ק |
| ג | י | ת | ש | ז | ד | ט | ה |
| ד | י | ק | ש | ה | מ | ל | ש |
| ה | ג | ט | ק | ו | ד | ע | ה |
| ט | י | ד | ר | כ | ב | ג | ש |
| ח | צ | פ | מ | ט | ת | ה | ו |

1) זאגן די _____ מיט א הויך קול דערוועקט די דעת

2) ווען מען האלט מצה אין האנט, האלט מען ______ אין האנט!

3) פסח איז א יום טוב פארקערט פון די _________

4) די טעג פון חודש ניסן זענען טעג פון _______ אזוי ווי תשרי

5) ימים טובים זענען מסוגל צו _______

ארא‍פ 6) ווען אידישע קינדער וואלטן נישט ארויס פון מצרים וואלטן זיי געווען ________________

ברייט 6) ווער עס גיבט _________ ווי עס דארף צו זיין, איז זוכה צו הערן דעם קול פון יום טוב וואס רופט

7) דורכן זיך מקשר זיין צום אמת'ן _______ קען מען דערפילן די הייליגקייט פונעם יום טוב

8) אינעם יום טוב פסח ווערט פאררעכטן די תאוה פון ________

9) חודש ניסן איז גוט און ______ צו גיין צווישן די גראזן



ניסן תשפ"ה



# דעם רבינ'ס משלים

הֶמְשֵׁךְ פוּן פָארִיגֶע וָואךְ

*אִין קוּרְצְן: דֶער קְלֵיינֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּערְן גְרוֹיסְן קֵייסֶער אוּן אִים אַיינְגֶענוּמֶען, עֶר בַּאהַאלְט אִינֶעם פֶעסְטוּנְג אוֹיפְן אַ אִינְזְל וַואסֶער גְרוֹיסֶע אוֹצְרוֹת מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַטְבֵּעַ אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ, מִיט אַ מַאשִׁין וָואס הַאלְט אָפּ פוּן אַרַיינְגֵיין אִין דִי צִימֶערְן. הֶעכֶערְן מַאשִׁין הֶענְגְט אַ אוֹיפְפַאלְנְדֶע טָאוְול וָואס אַנְטְפְּלֶעקְט וִויאַזוֹי אַרַיינְצוּגֵיין צוּ דִי צִימֶערְן. דוּרְכְאוֹיס דִי יָארְן אִיז דֶער אוֹצָר מִיט אִינְזְל פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן.*

אַרִיבֶּער אִיז עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט יָאר, קֵיינֶער וֵוייסְט מֶער נִישְׁט אוּן חָלוֹמְ'ט נִישְׁט פוּן דִי אוֹצְרוֹת וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִינֶעם פֶעסְטוּנְג אוּן דֶער פַארְלָאזְטֶער אִינְזְל.

גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען אַ קֶענִיג הָאט צוּרִיק אַיינְגֶענוּמֶען דִי שְׁטָחִים אוּן דֶער אִינְזְל אִיז צוּרִיק אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ אַ קְלֵיינֶער קֶענִיג וֶועלְכֶער הָאט גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף אַ צָאל לֶענְדֶער, אוּן סְ'הָאט זִיךְ אִים פַארְגְלוּסְט צוּ מַאכְן דָארְט אַ יִשּׁוּב, וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? וֶוער אִיז דֶען גְרֵייט צוּ גֵיין וואוֹינֶען אִין אַזַא וַוייטֶע נַייעֶ פְּלַאץ?

הָאט דֶער קֶענִיג דָארְט בַּאזֶעצְט פוּן דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק אוּן נָאךְ פֶעלְקֶער, מִן הַסְּתָם זֶענֶען דִי אִידְן גֶעוֶוען אָרִימֶעלַייט וֶועלְכֶע הָאבְן נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ וואוֹינֶען אִין דִי נַייעֶ שְׁטֶעט נָאר אִין דֶעם פַארְלָאזְטְן אִינְזְל.

דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיט אַ קְלֵיין הַייזְקֶע נֶעבְן יַם, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר גֶעלֵייגְט אַ שְׁטֵיין אוֹיף אַ שְׁטֵיין בִּיז דִי הַייזְקֶע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גְרֵייט.

## וועמען זענען די אוצרות? #2

אֵיין פְרַייטָאג אִיז דֶער אִידְל גֶעגַאנְגֶען גְרָאבְן לֵיים אוּן גֶעטְרָאפְן דָארְט דִי טָאוְול וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶערוֹיף דִי וֶועג וִויאַזוֹי זִיךְ אַרַיינְצוּבַּאקוּמֶען אִין דִי צִימֶערְן מִיט אִירֶע אוֹצְרוֹת פוּנֶעם פֶעסְטוּנְג, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָארְט שְׁטֵייט. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אַלְטֶע עֲרֵלִים אוּן נָאכְגֶעפָארְשְׁט אוֹיבּ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען דָארְט אַ בַּאוְואוֹינְטֶע אָרְט, אָבֶּער קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוּן גֶעדֶענְקְט פוּן דֶעם יִשּׁוּב.

פְּלוּצְלוּנְג אִיז אַפִּיר גֶעקוּמֶען אַן אָרִימַאן וֶועלְכֶער הָאט גֶעזוּכְט וואוּ צוּ עֶסְן שַׁבָּת אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם אוֹיבֶּערְדֶערְמַאנְטְן אָרִימַאן, הָאט דֶער יֶענִיגֶער אִים דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער טָאוְול וָואס עֶר הָאט נָארְוָואס גֶעפוּנֶען אָבֶּער עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס דָארְט שְׁטֵייט, הָאט דֶער אָרִימַאן זִיךְ אָנְגֶעטְרָאגְן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט אוּן הָאט טַאקֶע פָארְגֶעלֵיינְט וָואס דָארְט שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְן אוּן הָאט קְלָאר פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶע וֶועגְן פוּן דִי אוֹצְרוֹת אוּן דִי וֶועגְן וִויאַזוֹי אַרַיינְצוּגֵיין צוּ דִי צִימֶערְן. אִיז דֶער אִידִישֶׁער אָרִימַאן אַרַיין אוּן גֶענוּמֶען פַאר זִיךְ אַלֶע אוֹצְרוֹת אוּן פַארְמֶעגְן וָואס דָארְט הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען.

לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט לֶערְנֶען מִיט זִיךְ וִויאַזוֹי עֶס טוּעֶן זִיךְ אָפּ זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. קֶענִיגְן אוּן לֶענְדֶער גֶעוֶועלְטִיגְן אוּן וֶוערְן אָפְּגֶעוִוישְׁט מִיט דִי יָארְן. אוֹצְרוֹת וֶוערְן בַּאהַאלְטְן אוּן אוֹיפְגֶעדֶעקְט, יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוּן אַלֶעס גֶעשֶׁעט אַז עֶפֶּעס אִידְל זָאל הוּנְדֶערְטֶער יָארְן שְׁפֶּעטֶער בַּאקוּמֶען דָאס גֶעלְט אוּן קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן פַאר שַׁבָּת אוּן וֶוערְן אִיבֶּערְנַאכְט אַ רִיזְן עוֹשֶׁר.

אוֹיף דֶער וֶועלְט טוּעֶן זִיךְ אָפּ מָאדְנֶע אוּן גְרוֹיסֶע פַּאסִירוּנְגֶען, מִיט פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט פַאר וֶועלְכֶע צְוֶועק דִי אַלֶע זַאכְן פַּאסִירְן, מִיר דַארְפְן אָבֶּער יָא וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר צוּ פַארְמֶערְן גוּטְס אוּן חֶסֶד פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. (ע"פ חיי מוהר"ן צ"ט)



# וואו איז יאָסעלע? #6

*אין קורצן פון פריער:*

*יאסעלע ווערט אריבערגעשמוגלט אינדרויסן פון לאנד דורך די גיורת רות בן דוד, ער דרייט זיך אין אפאר לענדער ביז ער קומט אן אין אמעריקע ביי פארמיליע גערטנער אין וויליאמסבורג, די פאליציי הייבט הענט אין די פרשה פון יאסעלע די מדינה גיבט איבער דעם תפקיד פון זוכן יאסעלע צום זייער ארגאניזאציע "מוסד".*

דער "מוסד" האט זיך גענומען מיטן פולן ברען זוכן יאסעלע זיי האבן איבערגעגעבן זייערע מענטשן וועלכע זיי האבן אונטערגעשטעלט איבער די וועלט צו ברענגען און אונטערשמעקן ידיעות און איינצלהייטן איבער יאסעלע שוכמאכער, די ריזיגע פירסום ווי אזוי די פרשה איז באוואוסט געווארן איבער די וועלט האט צוגעברענגט אז א לאנגע צייט איז די גרויזאמע ארגעניזאציע געווען פארנומען נאר מיט איין זאך, - טרעפן דעם פארלוירענעם יאסעלע...

די אגענטן פון מוסד האבן געארבעט ווי שפיאנען, זיי פלעגן זיך פארשטעלן און דרייען אין די בתי מדרשים און ישיבות, קומען צו טישן פון באקאנטע רבי'ס און אזוי פראבירן רעדן מיט מענטשן אן דעם מען זאל קענען כאפן זייער כוונה, אזוי ארויף האבן זיי באקומען א ידיעה אז די גיורת רות בן דוד האט א חלק אין פרשה, האבן זיי זיך גלייך גענומען נאכקוקן די גיורת וועלכע האט דעמאלס געוואוינט אין צרפת אבער זיי האבן נישט געטראפן אין איר הנהגה קיין שום רמז וואו יאסעלע געפינט זיך.

אין יענע תקופה האט רות בן דוד געוואלט ארויפקומען וואוינען אין ארץ ישראל, דעריבער האט זי געשטעלט א מודעה אז זי וויל פארקויפן איר הויז, די חברה פון מוסד האבן זיך ארויפגעכאפט אויף די מציאה, זיי האבן אנגערופן צום טעלעפאן נומער וואס איז אנגעצייכנט געווען אויפן מודעה און זיך פארגעשטעלט ווי גלייך זיי ווילן קויפן די הויז, זיי האבן אפגערעדט א צייט ווען זיי גייען קומען זען די דירה, דער מוסד האט געשיקט צוויי פון זייערע מענטשן פארשטעלט אויף פראצויזישע גוים זאלן גיין קוקן די הויז, רות בן דוד האט אריינגענומען די צווי פארשוינען וואס האבן אנגעקלאפט ביי איר אין הויז און צו וויסן אז זי ווערט פארכאפט אין נעץ, די צוויי האבן זיך געדרייט אביסל אין הויז און אויסגעזען זייער צופרידן זיי האבן אפגעשטימט א צייט עטליכע טעג ארום צו פאר'חתמ'ענען די פאפירן ביי אן אדוואקאט און אפקויפן די הויז פאר א גוטן פרייז...

למעשה איז די גאנצע מעשה מיטן קויפן די דירה און דער אדוואקאט געווען א שפיל, ווען רות איז געקומען צום אדרעס פונעם אדוואקאט האט מען איר אריינגעכאפט אין א דירה פארשלאסן די טיר און נישט געלאזט ארויסגיין... זיי האבן איר דערציילט אז זיי ווייסן אז זי האט איינצלהייטן איבער יאסעלע און זיי ווילן זי זאל זיי אלעס דערציילן, אבער רות האט אנגעפילט איר מויל וואסער און קיין ווארט נישט אויסגעזאגט!... זיי האבן איר נעבעך געסטראשעט מיט די ערגסטע זאכן און איר אויפגעהאלטן דארט א לענגערע צייט אבער רות איז געשטאנען מיט א מורא'דיגע שטארקייט און מסירות נפש און נישט געגעבן קיין שום פרטים.

דער מוסד האט געזען אז מיט איר גייט נישט, זי האלט זיך שטארק האבן זיי געטראכט פלענער ווי מען קען איר צעברעכן. אין ארץ ישראל האט רות בן דוד געהאט א זון מיטן נאמען אוריאל וואס האט זיך מגייר



יאסעלע אין שמוב פון משפחת גערטנער

געווען צוזאמען מיט זיין מאמע און האט געלערנט אין א ישיבה, זיי האבן אים אויך געכאפט און געסטראשעט אז אויב זיין מאמע וועט נישט געבן פרטים וועגן יאסעלע וועלן זיי אים שלעכטס טון, זיי האבן אים באצווינגען אנקלינגען זיין מאמע איר בעטן אז זי זאל רחמנות האבן אויף אים און זאגן וואו איז יאסעלע כדי מען זאל אים לאזן לעבן...

ווען רות האט געהערט אז מען האט אויך געכאפט אין זון אוריאל איז זי געווארן זייער צעבראכן, [אזוי ווי די מעשה איז געשען פאר אסאך יאר און אסאך פרטים זענען געווען באהאלטן איז דא אסאך גירסאות אויף די מעשה ווי אזוי האבן די ציונים זיך דערוואוסט די סוד וואו יאסעלע געפינט זיך, איין גירסא וואס איז זייער באוואוסט זאגט אז רות בן דויד האט זיך געבראכן ווען מען האט געכאפט איר זון אוריאל און אויסגעזאגט וואו יאסעלע איז, אן אנדערע גירסא פון אידן וואס האבן אביסל מיטגעלעבט יענע צייט דערציילן אז די גיורת רות איז געשטאנען מיט מסירות נפש אויך אין דעם נסיון מיט איר זון און האט נישט אויסגעזאגט קיין שום ווארט, נאר עס זענען געווען אידן פון פועלי אגודת ישראל וואס האבן געהאלטן אז די פרשה ברענגט ארויף אסאך שנאה צו די פרומע אידן דעריבער האבן זיי אויסגעזאגט וואס זיי ווייסן].

בכל אופן אזוי ווי די ציונים האבן זיך דערוואוסט וואו יאסעלע איז איינקוואטירט האבן זיי געשיקט שליחים באווארנט מיט אמעריקאנער פאליציי אנקצולאפן אין וויליאמסבורג ביי משפחת גערטנער אין שטוב.. זיי האבן באפוילן ארויסצוברענגען יאסעלע, די גערטנער'ס וועלכע האבן טאקע געהאלטן ביי זיך יאסעלע אבער האבן נישט געוואוסט ווער דאס קינד וואס שטייט איין ביי איז, האבן געלייקנט און געזאגט אז יאסעלע איז נישט ביי זיי! די פאליציי זענען אריין געקומען אונטערזוכן אין הויז מיט די בילד פון יאסעלע אין האנט און האבן געפונען צווישן די קינדער אז איינער פון זיי ענדלט צו די בילד וואס זיי האלטן אין האנט... ווען מען האט געפרעגט דאס קינד ווי אזוי ער הייסט האט ער געענטפערט, "יענקל גערטנער"...

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה

## א ווארעמע תפלה אויף פסח

באשעפער, העלף אונז, מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין אויף אונז די קדושה פון יום טוב פסח, מיט א געוואלדיגע הייליגקייט מיט א שמחה און א חדוה. מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון ארבע כוסות די ווין פון פסח מיט א ריכטיגע שלימות און מיט קדושה וטהרה. (תפלה כ')

באשעפער, זיי זיך מרחם אויף אונז מיט דיין גרויס רחמנות און דיין גרויס גענאד. העלף אונז אויפנעמען די דריי רגלים פסח, שבועות און סוכות מיט א קדושה און א גרויס פרייד, מיר זאלן זוכה זיין צו מכבד זיין אלע ימים טובים מיט אלע מיני כבוד און שיינקייט, מיט עסן, סעודות און ריינע קליידער. און רוען פון אלע ארבעט. מיט א גוט הארץ און א גרויסע שמחה. מיט תפלה בכוונה און א געוואלדיגע התעוררות ווי עס פאסט פאר א אידיש קינד צו דאווענען און זיך אויפצופירן יום טוב.

מיר זאלן זוכה זיין צו טון אסאך מצוות משך דעם יאר מיט קדושה און א גרויסע שמחה און זוכה זיין אז די שמחות פון אלע מצוות פונעם גאנצן יאר זאלן זיך צאמזאמלען אינעם הייליגן הארץ וואס דאס איז די דריי ימים טובים, דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו אן אמת'ן שמחת יום טוב אזוי ווי דיין רצון איז, אזוי ווי עס שטייט: "ושמחת בחגיך" און זוכה זיין זיך זייער שטארק צו פרייען מיט דיר באשעפער וואס דו האסט אונז אויסגעוועלט פון אלע פעלקער און דערהויבן פון אלע שפראכן. ביז מיר וועלן זוכה זיין ארויפגיין און זיך זען מיטן אור פני ה'. אמן (תפלה ל')



# סיפורי מעשיות הקדמה #2

אִין דֶערְפְל 'פְּרַאשְׁקָע' בַּיים גְרֶענִיץ פוּן פּוֹילְן פַּאר דְרַיי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְן דִי מִיל אַ קְלֵיין נִידְרִיגֶע בּוּדְקֶע וואוּ עֶס הָאט גֶעווֹאוֹינְט ר' מְשֻׁלָּם. אַ גְרוֹיס צַעַר הָאט אַרוּמְגֶענוּמֶען זַיין שְׁטוּבּ, נִישְׁט וַוייל זַיין וֶועגֶעלֶע הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אוּן דָאס פֶּערְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. נֵיין, זַיין זָארְג אִיז וֶועגְן דָאס פְרִידְן פוּן זַיין בֶּערֶל'ע זַיין טַייעֶר לֶעכְטִיג קִינְד.

צְוֵויי אִידְן זָאגְן תְּהִלִּים נֶעבְן דֶעם קְרַאנְקְנְ'ס בֶּעט, זֵייעֶר פָּנִים בֶּעט פַאר רַחֲמָנוּת, טְרֶערְן פוּן דֶערְבַּארִימְקַייט אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן הָאפֶענוּנְג.

בֶּערְלְ'ס פָּנִים אִיז בַּאשְׁמִירְט מִיט בּוֹימְל אוּן בַּאדֶעקְט מִיט אַלֶע סָארְטְן רְפוּאוֹת, יֶעדֶע פָּאר מִינוּט קְרֶעכְצְט עֶר אַרוֹיס אוּן כַאפְּט אַ שְׁוֶוערֶע אָטֶעם, רוֹב פוּן זַיין גוּף אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט גְרָאזְן אוּן אַלֶע סָארְטְן גְרוּכְן. עֶר קֶען קוֹים בְּלִינְקְן מִיט אֵיין אוֹיג, זַיין פָּנִים אִיז פַארְוֶועלְקְט אוּן פַארְשְׁוַוארְצְט.

אַלֶע חֲזֶר'ן אוּן זָאגְן אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט, "דָאס אִיז אַ נֵס! אַן אָפֶענֶער נֵס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט דִי לֶעצְטֶע מִינוּט!"

דִי פְלַאמֶען הָאבְּן אִין אֵיין סְקוּנְדֶע אוֹיסְגֶעפְלַאצְט אִין דֶער בַּיידְל פוּנֶעם שׁוּסְטֶער שָׁאוּל נָאךְ וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט אַ מֶעכְטִיגֶע אוֹיפְרַייס פוּן אַ פְלַאשׁ נֶעפְט, דָאס פַייעֶר הָאט זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייט אָן רַחֲמָנוּת מִיט אַ ווִילְדְן שְׁנֶעלְקַייט צוּ דֶער הוֹיז פוּן מְשׁוּלָם, וִוי אֵיינֶער וָואס יָאגְט נָאךְ אֵיינֶעם.

"בָּרוּךְ ה', בֶּערֶל'ע אִיז מִיט אוּנְז."

בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע וָואלְט בֶּערֶ'לֶע גֶעדַארְפְט לִיגְן אִיצְטֶער אִינֶעם בֵּית הַקְבָרוֹת לֹא-עָלֵינוּ בַּיים עֶק פוּנֶעם דָארְף. נָאר אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּטְן אֵיידֶער דָאס פַייעֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אִין דִי הֶעלְצֶער אַרוּם, אִיז עֶר גֶעלָאפְן לֶענְגְאוֹיס דִי שְׁטִיבֶּער אוּן אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּנֶעם פֶענְסְטֶער צוּם אוּנְטֶערְשְׁטְן גָארְטְן אוּן בְּעֶזְרַת הַשֵׁם זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט.



מִיט רַחֲמָנוּת פוּן אוֹיבְן הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בְּלַייבְּן בַּיים לֶעבְּן, נָאךְ וָואס דֶער גַאנְצֶער שְׁטוּבּ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַשׁ אוּן פַּארְךְ. יֶעצְט לִיגְט עֶר גֶעפִינְדְן אִין יִסוּרִים אִין שְׁפִּיטָאל מִיט עֶטְלִיכֶע בְּרָאכְן אִין דִי בֵּיינֶער, טְרוּקֶענֶע קְלֶעפּ אוֹיפְן פָּנִים, מֶען הָאפְט זֵייעֶר אַז דִי גַאנְצֶע יְשׁוּעָה אוּן רְפוּאָה זָאל קוּמֶען וָואס פְרִיעֶר.

דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ קוּמֶען בַּאזוּכְן, מֶען דַאוְונְט, מֶען אִיז מִתְפַּלֵל מִיט טְרֶערְן פַאר 'בֶּערְל בֶּן אֶסְתֵּר'. דֶער מַצָּב אִיז וַוייט פוּן גוּט. וֶועט עֶר אַמָאל וֶוערְן אוֹיסְגֶעהַיילְט אוֹיף הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט? וֶועט עֶר קֶענֶען זֶען מִיט אַ פַארְבְּרֶענְטֶע אוֹיג? דִי פִינְגֶערְס אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט וֶועלְן זִיךְ אָנְהֵייבְּן רִירְן? דִי פִיס וֶועלְן וִוידֶער אַמָאל אָנְהֵייבְּן גֵיין? קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס וַוארְט אָפּ פַאר בֶּערְלְ'ן – אוֹי טַאטֶע הָאבּ רַחֲמָנוּת...

אַלֶע סָארְטְן הֵיילוּנְגְס מִיטְלֶען הָאבְּן דִי דָאקְטוֹירִים גֶעפְּרוּאוְוט בְּרֶענְגֶען פַאר בֶּערְל, אָבֶּער קֵיינֶע פוּן זֵיי הָאט לַיידֶער נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, צְוֵויי חֳדָשִׁים לִיגְט

עֶר פַאַרְזוּנְקֶען אִין פַּיִין אָן קֵיין שׁוּם צֵייכְן פוּן אַ פַאַרְבֶעסֶערוּנְג.

אִין אַ גְרִינֶעם מָאנְטָאג פְרִימָארְגְן אִיז דִי יְשׁוּעָה גֶעוָוארְן נֶענְטֶער. וָואס אִיז גֶעשֶׁען? דֶער דָאקְטָאר לוֹיפְט גֶעשְׁווִינְד צוּם טַאטְן מִיט אַ בְּשׂוֹרָה, "מְשֻׁלָּם! מְשֻׁלָּם! גְרֵייט זִיךְ אָן, עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין דָארְף אַ פֶּערְזָאן וֶועלְכֶער אִיז נִישְׁט קַיין דָאקְטָאר, נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶער פְּרָאפֶעסָאר, דוּ וֵוייסְט וָואס עֶר אִיז יָא? אַן אַפְּטֵייקֶער, דוּ וֵוייסְט וָואס דָאס בַּאַדַייט? אֵיינֶער וָואס טְרֶעפְט אוֹיס אוּן שְׁטֶעלְט צוּזַאם מֶעדֶעצִינֶען. עֶר אַלֵיין בַּאַשְׁטִימְט וִויפִיל טְרָאפְּנְס אַרַיינְצוּגִיסְן אִין יֶעדֶע מֶעדֶעצִין. עֶר וֵוייסְט גֶענוֹי וֶועלְכֶע סָארְט גְרָאז אוּן דִי מָאס וִויפִיל מֶען דַארְף לֵייגְן פַאר יֶעדְן קְרַאנְקְן. אִיךְ הָאף זֵייעֶר אַז עֶר וֶועט זַיין גְרֵייט דִיר צוּ קוּמֶען בַּאזוּכְן אוּן הֶעלְפְן. מְשׁוּלָם אִיז מִתְפַּלֵל פוּן טִיפְן הַארְץ.

נָאךְ צְוֵויי שָׁעָה אִיז דֶער אַפְּטֵייקֶער אַרַיין אִין צִימֶער וואוּ בֶּערֶל'ע אִיז גֶעלֶעגְן. עֶר קוּקְט אוֹיף זַיין פָּנִים עֶר טַאפְּט אוֹיס זַיינֶע פִינְגֶערְס, עֶר קוּקְט אִיבֶּער דִי פַארְוְואוּנְדֶעטֶע פִּיס מִיט זַיין פַארְבְּרֶענְטֶע גוּף. נָאךְ עֶטְלִיכֶע שָׁעָה קוּמְט עֶר צוּרִיק וֶוען עֶר הַאלְט אִין הַאנְט גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מֶעדֶעצִין וָואס עֶר הָאט צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי וֵוייטָאגְן פוּנֶעם קְרַאנְקְן בֶּערֶ'לֶע.

אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע עֶרְדֶענֶע פְלֶעשְׁל דֶערִין זֶענֶען גֶעמִישְׁט טַייעֶרֶע הֵיילוּנְגֶען. דִי אָנְוֵוייזוּנְג אִיז צוּ לֵייגְן אוֹיפְן צִינְג פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טְרָאפְּן דוּרְכְאוֹיס דֶער טָאג.

מְשׁוּלָם פְרֶעגְט פַארְוְואוּנְדֶערְט, "עֶר אִיז דָאךְ אַזוֹי בִּיטֶער פַארְוְואוּנְדֶעט, אַזוֹי קְרַאנְק, פַארְבְּרֶענְט אוּן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, וִוי קֶענֶען דִי טְרָאפְּנְס אִים רַאטֶעוֶוען אוּן אוֹיסְהֵיילְן? וִוי אַזוֹי?? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ הָאסְט דָארְט אַרַיינְגֶעטוּן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס הָאט דִי פְלִיסִיגְקַייט – וָואס אִיז גֶעמַאכְט פוּן בֵּיימֶער אַ שַׁייכוּת צוּ מַיין קִינְדְס פַארְוְואוּנְדֶעטֶע אוֹיסְשְׁלַאג"...

דֶער אַפְּטֵייקֶער נֶעמְט אַרָאפּ זַיינֶע בְּרִילְן, עֶק קוּקְט אַרַיין אִין מְשׁוּלָם'ס אוֹיג אוּן זָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "טַייעֶרֶע טַאטֶע, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, וִויפִיל אִיךְ וֶועל פְּרִיוְון וֶועלְן אִיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין. דוּ פַארְשְׁטֵייסְט דָאךְ אַז מֶעדֶעצִינֶען קֶענֶען הֶעלְפְן אִינְוֵוייניגְסְטֶע גְלִידֶערְן, מֶער פוּן דֶעם קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, דוּ וֵוייסְט פַארְוָואס? וַוייל דָאס זֶענֶען הֵיילוּנְגֶען מִיט אַ 'סְגוּלָה', וָואס מֵיין אִיךְ מִיט דָאס וָוארְט סְגוּלָה? סְגוּלָה אִיז אַ זַאךְ אָדֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס קֶען הֶעלְפְן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל קֶענֶען פַארְבִּינְדְן אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה, אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס!

"דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט וָואס דִיר אוֹיפְצוּוַוייזְן, נָאר דִי אֵיין זַאךְ דוּ זָאלְסְט דָאס גֶעבְּן פַאר דַיין זוּן טֶעגְלִיךְ אוּן גְלֵייבְּן אַז דָאס פַארְמָאגְט אַ קְרַאפְט אִים צוּ הֵיילְן אוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן בֶּעט וואוּ עֶר אִיז צוּגֶעבִּינְדְן מִיט בִּיטֶערֶע יִסוּרִים. דִי טְרָאפְּנְס וֶועלְן מַאכְן אַ מַהְפֵּכָה אִינֶעם גַאנְצְן גוּף. דִי מֶעדֶעצִינֶען קֶען מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֶעפִינֶען. אִיךְ הָאבּ דָאס אַלֵיינְס צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט סְפֶּעצִיעֶל פַאר דַיין זוּן".

ס'אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן וֵויינִיגֶער פוּן אַ חֹדֶשׁ הָאט זִיךְ בֶּערְל עֶרְהוֹילְט אוּן גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ אוּן גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִּיס.

אִין דִי טֶעג וֶוען מִיר טְרֶעטְן צוּ אַרַיינְצוּגֵיין צוּם קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים צוּ דֶערְצֵיילְן אוּן לֶערְנֶען דִי רֵייד פוּנֶעם אֱמֶתְ'ן אַפְּטֵייקֶער אַלֵיין, דָאס אִיז דֶער אָנְהֵייבּ פוּן הֵיילִיגְן פָארְכְטִיגְן סֵפֶר 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', וָואס אַלֶעס וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן דָארְט אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אוּן אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן דוּרְכְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער גְרוֹיסֶער דָאקְטָאר. דַארְפְן מִיר וִויסְן אַז דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶ'ע גֶעוֶוענְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת.

דִי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן אִין זִיךְ 'בַּאזוּנְדֶערֶע הֵיילוּנְג סְגוּלוֹת' וָואס דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֵייקֶער בְּרֶענְגְט אוּנְז הֵייל-מִיטְלֶען פַאר יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער. כֹּחַ צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי גֶעפַאלֶענֶע, שְׁטַארְקְן דִי שְׁוַואכֶע, אוֹיפְוֶועקְן דִי מִידֶע, דֶערְפְרֵייעֶן דִי טְרוֹיעֶרִיגֶע, צוּאֵיילְן דִי פוֹילֶע, בַּאנַייעֶן דִי אַלְטֶע, זֶעטִיגְן דִי הוּנְגֶערִיגֶע.

וִוי ר' נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ זַיין לָשׁוֹן אִין דֶער הַקְדָּמָה:

וֶוער ס'וִויל אַרַיינְקוּקְן אִין דִי 'מַעֲשִׂיּוֹת' מִיט אַן אֱמֶת אוֹיג, קֶען עֶר זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל, גָאטְ'ס גְרוֹיסְקַייט!



אֲפִילוּ פְּרָאסְטֶע [פְּשׁוּטֶ'ע] מֶענְטְשְׁן, קֶען זֵיי אוֹיךְ עֶפֶּעס אַ בְּלִישְׁטְשׁ טָאן 'ווִינְקְן פוּן מוּסָר', אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ גוּט אַרוּמְקוּקְן: "וָואס דֶער תַּכְלִית אִיז פוּן דֶער וֶועלְט"! – אַז מְ'זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אָפְּנַארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט! – אוּן מְ'זָאל טָאג אוּן נַאכְט תְּפִילָה טָאן: "אַז מְ'זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי 'נַארִישְׁקַייט' פוּן דֶער וֶועלְט"! – אוּן מְ'זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֵי־ווִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וִויל.

אוּן וַוייטֶער וָואס אִין דִי 'מַעֲשִׂיּוֹת' אִיז פַארְהַאנְדְן בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן – דָאס קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרַייבְּן, אוּן נִישְׁט דֶערְצֵיילְן! – אַז וואוּיל אִיז דֶעם, וָואס עֶר וֶועט אִין זֵיי עֶפֶּעס ווִיסְן!

אִין דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת קֶען יֶעדֶער אִיד סַיי גְרוֹיס סַיי קְלֵיין זִיךְ מְעוֹרֵר זַיין פְּרִישׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, ווִידֶער קֶענֶען אוֹיךְ דִי גָאר גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים טְרֶעפְן דֶערִין רְמָזִים אוּן בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת. דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מִיר לֶערְנֶען אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁפְּרַאךְ פוּן דִי אַמָאלִיגֶע צַדִּיקִים ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הַקְדָּמָה: "בֶּאֱמֶת לִיגְט אִין דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דִי וֶועלְט דֶערְצֵיילְט גָאר דֶערְהוֹיבֶּענֶע זַאכְן אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעקֶענְט דוּרְךְ זֵיי מְיַחֵד זַיין יִחוּדִים דוּרְךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה – וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם הָאט גֶעזֶען אַז עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן הוֹיכֶע צִינוֹרוֹת פוּן דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע וֶועלְטְן אוּן מִיט תְּפִלָּה הָאט עֶר דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט מְתַקֵּן זַיין, הָאט עֶר דָאס מְתַקֵּן גֶעוֶוען דוּרְכְן דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה.

הָאט אִיר גֶעהֶערְט וָואס דָא שְׁטֵייט? לָאמִיר עֶס נָאכְאַמָאל אוֹיסְקְלָארְן:

וָואס לִיגְט אִין דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דִי וֶועלְט דֶערְצֵיילְט? הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת אוּן בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן.

וָואס הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעקֶענְט טוּן דוּרְכְן פַארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה, אַ סִיפּוּר? מְיַחֵד זַיין יִחוּדִים, אוּן פַארֶעכְטְן צִינוֹרוֹת וָואס זֶענֶען מְקֻלְקָל גֶעוָוארְן אוֹיבְן.

יֶעצְט, וֶוען מִיר וֶועלְן עֶפֶענֶען דֶעם סֵפֶר פוּנֶעם גְרוֹיסְן אֱמֶת'ן דָאקְטָאר וֶועלְכֶער קֶען אַרָאפְּנִידֶערְן אִין טִיפֶענִישׁ פוּן יַם אוּן רַאטֶעוֶוען אוּן אוֹיפְלֶעבְּן אַיינְגֶעשְׁלָאפֶענֶע, וֶועלְן מִיר טְרֶעפְן דִי רְפוּאוֹת וָואס יֶעדֶער פוּן אוּנְז וַוארְט שׁוֹין אַזוֵי צוּ בַּאקוּמֶען, מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַבִּיסְל לוֹיטֶערְקַייט, אַבִּיסְל זִיסְקֵייט אוּן נָאנְטְקַייט צוּ יֶעדֶע מִצְוָה, יֶעדֶעס בִּיסְל לֶערְנֶען אוּן עֲשִׂיָּה דִקְדֻשָּׁה, יֶעדֶע הִתְגַּבְּרוּת קֶעגְן יֵצֶר הָרָע, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אֵייבִּיגֶע יְשׁוּעָה בְּבִיאַת גּוֹאֵל צֶדֶק אָמֵן בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.


## טייערע קינדער

**דעם יום טוב פסח הייבן מיר אלע אן א נייע מחזור אינעם**
**הייליגן ספר סיפורי מעשיות**

לאמיר זיך ארויפכאפן אויפן באן ....
בלייבט נישט הינטערשטעליג

**קומט אלע אין די מאסן צום סיום דינסטאג ב' דחול המועד פסח**
**אין אולם אוהל פיגא בשעה 1:00**

# מודעה חשובה

מען קען באקומען די קארטלעך צום גרויסארטיגן
**מעמד סיום ספר הקדוש סיפורי מעשיות ביי:**

**משפחת פרקוביץ רחוב רבי צדוק 8**
**משפחת וועבערמאן בן איש חי 54 קומה 1**
**משגיח חדר ברסלב ב"ש ר' יואל יאראוויטש הי"ו**
**משפחת פוקס עובדיה הנביא 16 דירה 6 רמה ג'**
**משפחת שפירא רב חנן 18 דירה 17 רמה ד'**
**משפחת ברוין מאה שערים 85, ירושלים**
**אדער ביי אלע חברת פון מורשת הנחל און קרן אור פאר א ספעציעלע פרייז.**

**די פרייז איז 25 ש"ח, מען וועט קענען קויפן ביים מעמד**
**אבער די פרייז וועט שטייגן צו 35 ש"ח.**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "גאר מיין זאך איז תפלה" מען בעט די קינדער זאלן מתפלל זיין
להצלחת המעמד שנזכה לפרסם שם השם
ושם הצדיק בעולם.



# משפחה ליכט



# א דאפלטע פסח אונטער מלחמה אומשטענדן



*די חשוב'ע רביצין שרה גלבאך ע"ה איז געבוירן און אויפגעוואקסן געווארן אין אומאן ביי אירע געהויבענע עלטערן. זי איז א זעקסטע דור פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע און אייניקלעך פון הגה"צ ר' אליקים געציל ליבאוונע זצ"ל. אין אירע יונגע יארן, אלס קליין מיידל האט זי זיך געדארפט פארמעסטן מיט די קאמוניסטן און זייערע פארשאלטענע גזירות און דערנאך ביי די נאציס ימ"ש.*

*איר חשוב'ער טאטע הרה"ח ר' אברהם דזעגראבסקי ז"ל, האט זיך געהאלטן שטארק קעגן די קאמוניסטישע גזירות און האט נישט מוותר געווען אויף קיין קוצו של יוד. ער האט קיינמאל נישט געלאזט זיינע קינדער גיין אין די קאמוניסטישע שולעס און זיי מחנך געווען צו זיין ערליכע אידן.*

*אונטער די נאז פון די ען.קע.ווע.דע. האט ער געבויעט אין זיין הויז א מקוה טהרה און א שחט הויז, ווען די קליינע שרה'קע שטייט צו איר טאטנ'ס רעכטע זייט ביים שחט'ן און פארקויפן די פלייש.*

## זענען די קאמוניסטן נישט ארויפגעקומען אויף אייערע שפורן?

יא, איין טאג האט עס פאסירט! ווען איך בין געלעגן אין בעט האב איך פלוצלינג ארויסגעהערט הויכע קולות און געשרייען. מיין בלוט איז ווי פארגליווערט געווארן אין מיינע אדערן. דאס שרעקליכס האט פאסירט: דער טאטע איז אוועקגעפירט געווארן דורך די ען.קע.ווע.דע.

איך האב פארשטאנען אז באלד וועלן די אויספארשער זיך צוריקקערן צו מאכן א רעפארט, בין איך ארויסגעשפרונגען פון בעט און מיט אייפער פארווישט די שפורן פונ'ם שחט הויז און מקוה טהרה. ווען די רשעים זענען אנגעקומען האבן זיי טאקע נישט געטראפן קיין שום סימנים פון אומלעגאלע אקטיוויטעטן. ביים פארלאזן דאס הויז האבן זיי מיטגענומען די מאמע'ן איבערלאזנדיג אין שטוב דערשראקענע קליינע קינדער אליין. איך האב זיי מחזק געווען צו מתפלל זיין צום באשעפער. ווען די קינדער האבן זיך אביסל בארואיגט בין איך אריבער צו מיין זיידנ'ס ציון און דארט אראפגעלאזט זודיגע טרערן. און דאס אומגלויבליכע האט ווירקליך פאסירט, דעם אנדערן טאג זענען דער טאטע און מאמע אנגעקומען אהיים - אן אומגעווענטליכע ערשיינונג אין יענע צייט.

די מנוחה האט זיך אבער נישט צוריקגעקערט צום הויז. דער טאטע האט געשפירט אז די לופט אין אומאן איז ענג איז ער אנטלאפן קיין קרעמינטשאק ביז דער מצב וועט זיך סטאביליזירן. די מאמע איז געבליבן אליין אינדערהיים זיך צו ספראווען מיט די שוועריקייטן און זיך אפגעבן מיט די קליינע קינדער.

נאך פיינפולע זעקס חדשים זיין אפגעשיידט פונ'ם טאטע, האט זיך די מאמע אריבערגעכאפט קיין קרימיטשוק איבערצושמועסן מיט'ן טאטן די וייטערדיגע פלענער. איך בין געבליבן אליין אכטונג צו געבן אויף די קליינע קינדער. איך האב געפירט די הויז ווערטשאפט און געזארגט אז די קינדער זאלן האבן וואס צו עסן. נאך א שטיק צייט איז דאס ברויט אין שטוב אויסגעגאנגען.

וואס קען א יונג קינד טון צו שפייזן אירע קליינע געשוויסטער?

מיט מיין שטארקע אמונה און בטחון אין באשעפער האב איך זיך נישט פארלוירן.

איך האב צוריק באנייט דער שחט הויז ביי אונז אין שטוב.

איך האב איינגעהאנדלט די קיען, אראפגערופן דעם שוחט און דערנאך פארקויפט די פלייש פאר אונזערע שטענדיגע קונדן, דערביי האב איך פארדינט א שיינע מטבע, גענוג צו שפייזן די קינדער און אויך פאר שפעזן צו פארן צום טאטן קיין קרעמינטשאק.

### ווי אזוי איז געווען דאס לעבן אין קרעמינטשאק?

אין קרעמינטשאק האט זיך דאס לעבן פארהעלטמעסיג נארמאל געפירט און אין געווענליכן סדר היום מיט א שפע פון ארעמקייט ביי דער זייט.

עס איז געווען דארט א גרויסע אידישע געמיינדע וואו עס איז געווען אביסל גרינגער מיט אידישקייט. דער טאטע פלעגט פארלערנען א טעגליכן שיעור אין די גרויסע שטאטישע שול מיט איבער צוויי הונדערט משתתפים! דאס איז פארגעקומען אין די שווערסטע צייטן, ווען עס האט שוין כמעט נישט עקזיסטירט קיין אידישקייט אין רוסלאנד און אין אוקריינע.



סוכות האט דער טאטע געבויט א סוכה אזוי ווי אין אומאן, און דאס זעלבע אויך שפעטער אין סטאלינגראד. ער האט געגראבן א גרוב אין דער ערד און אויף דעם באדעקט מיט סכך וואו ער האט אומגעשטערט געקענט יוצא זיין די ברכה פון לישב בסוכה. ווער עס איז אריבער אויף יענעם ארט האט בכלל נישט חושד געווען אז מען איז דא מקיים א מצוה.

אפילו אין די שווערסטע אומשטענדן האט דער טאטע זיך אפגעגעבן מיט'ן חינוך הבנים. ער פלעגט לערנען תורה מיט די קליינע אייניקלעך. עס איז נישט געווען קיין בלעטער דאן צו לערנען עברי פלעגט ער נעמען ליידיגע באקסעס און געשריבן מיט קוילן די א-ב, איך פלעג זיך צוהערן פון אונטן און אזוי אויפגעכאפט די לימודים אנשטאט צו לערנען אין סקול.

### וואס האט מען געטון פאר פרנסה?

איך האב געטראפן ארבעט ביי א מעבל פאבריק וואו מיין ארבעט איז געווען ארויפצוליינן הענטלעך. שבת פלעג איך נישט מחלל שבת זיין נאר זיך מאכן אזוי ווי איך ארבעט. ווען יום כיפור איז אנגעקומען בין איך בכלל נישט אריין אין פאבריק, דאס איז געווען גענוג א גרויסע זינד מיר איינצוזעצן אין תפיסה. די עבירה איז געווען אזוי הארב אז איך בין פאר'משפט געווארן צו זיין איינגעשפארט אין תפיסה אויף דריי יאר.

און אזוי ארום בין איך געזעסן פארשמאכט מיט נידריגע עלעמענטן פון אלע סארט. נישט וועלנדיג קוקן אויף זיי האב איך זיך איינגעקאטשעט אין ווינקל אין געוויינט די גאנצע צייט.

איין טאג, נאכ'ן זיצן אינ'ם חושך'דיגן פלאץ שוין צוויי וואכן, איז א בעאמטער אריינגעקומען: "שרה דזעגראבסקי זאל זיך שטעלן אהער!" איז געקומען דער באפעל.

איך האב מיך אויפגעשטעלט אויף מיינע וואקלדיגע קניען, ציטערנדיג אויפ'ן קומענדיגן. אונטער די קאמוניסטישע רעזשים האט מען זיך אלץ געקענט זיך רישן אויפן ערגסטן.

"דו ביסט באפרייט!" האט דער בעאמטער אויסגערופן טרוקן.

מער האב איך שוין גארנישט געהערט. איך בין אהיימגעלאפן צו מיין באליבטע היים וואו מיינע עלטערן האבן אפגעגעבן א שבח והודאה אויפ'ן גרויסן נס וואס דא האט פאסירט. שפעטער זענען מיר געוואויר געווארן אז דער מענידזשער פונ'ם מעבל פאבריק איז געווען דער גוטער שליח מיר צו באפרייען.

### איז די באוואוסטע רביצין שרה'קע ע"ה, די צווייטע טאכטער פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע וואס ליגט אין קרעמינטשאק, עפעס א קרובה צו אייך?

יא, דאס איז די באבע נאך וועמען איך בין גערופן געווארן. איר ציון איז גאר א הייליג ארט, מענטשן האבן שוין בייגעוואוינט גרויסע ישועות דארט. *(בילד ציון פון שרה'קע)*

איך האב זיך איין טאג אריבערגעכאפט צום ציון, אבער נישט געקענט צופיל שטיין דארט ווייל די גוים פלעגן ווארפן שטיינער. איך האב געמאכט די תפילות קורץ שרייענדיג: "נעם מיר שוין ארויס פון דעם גהינם, און טראג מיך אוועק וועיט ווייט פון די פארשאלטענע רוסלאנד, אויף מער נישט צום ווידערזען!"

עטליכע יאר שפעטער איז מיין תפילה מקוים געווארן ווען איך האב זוכה געווען ארויפצוגיין אויפ'ן באן וואס האט מיך אוועקגעפירט ווייט פון די קאמוניסטן.

### וואו אזוי האט איר איבערגעלעבט די צווייטע וועלט מלחמה?

עס האט זיך אנגעהויבן א נייע עפאכע פאר אונז. רוסלאנד

איז געכאפט געווארן אין שאק דורך די פארשאלטענע נאציס. היטלער ימ"ש איז שוין געווען זיכער אין זיין נצחון מיינענדיג אז ווי נאר ער וועט אטאקירן רוסלאנד וועלן זיך די אמעריקאנער צושטעלן צו זיין זייט אלס פיינט פון די קאמוניסטן. אבער דער אויבערשטער האט געפירט אז די דייטשן זאלן זיין אויסגעשפילט, און ענדע איינעמען א מפלה.

מיר האבן געלעבט אונטער א האגל פון באמבעס. קרעמינטשאק וואס איז אן אויל רייכע שטאט אין אוקריינע איז געווארן א ציל פאר די דייטשן. דריי חדשים נאכ'ן אטאקירן רוסלאנד האבן די דייטשן מארשירט פאראויס אויפן וועג קיין קרעמינטשאק.

די ביטערע שלאכטן האבן איינגעשלאסן פיר מיליאן סאלדאטן. נאכ'ן ליידן אן א שיעור פארלוסטן פון ביידע זייטן האבן די פירער אפגעמאכט א שטילשטאנד. דאס רוסישע מיליטער האט פריי אפגעטעמט. די דייטשן האבן געמאכט א הפסקה פאר געציילטע טעג, דערנאך האבן זיי אין איין נאכט איינגענומען די שטאט קרעמינטשאק דורך עראפלאנען. זיי האבן באהאגלט קרעמינטשאק מיט באמבעס אזוי ווי רעגן טראפנס אין א שטורעם. אונזערע בעטן האבן געטרייסלט פון די עקספלאדירונגען.

"בום.. טראך.." האט זיך געהערט פון אלע עקן שטאט. די שטאט איז געווען באלויכטן פון פייער. די באמבעס זענען געפלויגן ממש איבער אונזערע קעפ. זיצענדיג אין שעלטערס איינגעקאטשעט אין אנגסט האבן מיר פלוצלינג געהערט א מעכטיגע באמבארדירונג; דער בנין איז געכאפט געווארן פון א באמבע! דאס הויז האט אנגעהויבן צו ברענען. מיר האבן נישט געהאט צייט צו שפעקולירן וואס דא איז געשען נאר אין איין אימפעט זענען מיר ארויסגעלאפן פון הויז, יעדער ווי אזוי ער איז געשטאנען און געגאנגען.

אינדרויסן האבן מיר זיך אפגעשטעלט אין זייט און אנגעהויבן ציילן נפשות. צו אונזער ביטערן שאק האבן מיר באמערקט אז מיין שוועסטער רות'לס דריי מאנאטיגע בעיבי פעלט, זי איז געבליבן אינ'ם ברענעדיגן הויז.

נאך איידער דער עולם האט געהאט צייט צו טראכטן וואס דא קומט פאר בין איך שוין געווען צוריק אין הויז אויסצוראטעווען אסתר'קע, דאס אומשולדיגע קליינע עופה'לע. אינ'ם רויך פארשטיקטן בנין בין איך געקראכן אויף אלע פיר שעפשנדיג א הארציגע תפילה אז עס זאל נאכנישט זיין צו שפעט... אריינקומענדיג אין הויז האב איך צו מיין פארלייכטערונג געהערט א בעיבי וויינען. עס האט זיך געהערט ווי זיסע מוזיק. איך בין נאכגעגאנגען דעם קול אין געטראפן א האלב פאר'חלש'טע בעיבי. אינסטינקטיוו האב איך איר א כאפ געטון און ארויסגעשפרונגען פונ'ם ברענעדיגן הויז, כאפנדיג אויפ'ן וועג א שטיקל צוקער צו קענען ערנערן דאס קינד.

ארויסקומענדיג אין גאס איז מיין משפחה מער נישט געווען צו געפינען, נאר א טאטאלער כאאס. דער געדראנג איז געווען אזוי גרויס אז מען האט ממש געטרעטן אויף מענטשן. איין מאמע איז געלאפן מיט א בעיבי איינגעהילט אין א דעקע. לויפענדיג האט זי נישט באמערקט ווי איר בעיבי האט זיך ארויסגעגליטשט פון אירע ארעמס. ווען די מאמע האט זיך געכאפט אז אירע הענט זענען ליידיג איז זי צוריק געגאנגען און געטראפן איר בעיבי נישט בין החיים, צעקלאפט פון די פוסגייערס, רח"ל.

פון אלע זייטן האבן זיך שוין באוויזן דייטשע טאנקען פארן אין די גאסן. מען איז געגאנגען מיט אן איינגעבויגענעם רוקן שיצנדיג זיך פון קוילן און באמבעס. יעדע מאל וואס דייטשע סאלדאטן זענען פארביי געגאנגען האט מען זיך באהאלטן צווישן די מתים, דער מצב איז געווען געפערליך.

מיט די קליינע אסתר'קע אין האנט בין איך געלאפן וואו אהין די פיס האבן מיר געטראגן, אן קיין פלאן פון פאראויס. די בעיבי האט געלעבט דריי טעג אן עסן און טרינקען נאר געלעקט די שטיקל צוקער וואס איך האב די לעצטע מינוט געכאפט. איך האב די גאנצע צייט געבעטן דעם אויבערשטן אז דאס קינד זאל ח"ו נישט אויסגיין אין מיינע הענט און איך זאל וואס שנעלער טרעפן מיין פארלוירענע משפחה. ענדליך נאכ'ן לויפן דריי טעג האבן מיר זיך צאמגעטראפן אינדרויסן פון שטאט. צו מיין שוועסטער'ס פרייד איז נישט געווען קיין גרעניץ ווען איך האב איר אפגעגעבן איר אבידה. אונזער משפחה האט זיך ווידער פאראייניגט מיט א שבח והודאה צום בורא כל עולמים. אין יענע צייט איז געווען א טאג טעגליכע ערשיינונג צו פארלירן משפחה מיטגלידער. אויב א משפחה איז געווען גאנץ איז דאס געווען א נס חוץ לדרך הטבע.

### וואו אהין זענט איר אנטלאפן?

מיר זענען געלאפן מיט'ן שטראם מענטשן זוכנדיג א מקום מנוחה וואו מען וועט קענען אראפלייגן דעם קאפ. וואו אימער מיר זענען אנגעקומען זענען שוין די דייטשן געווען דארט פאר אונז. זיי האבן מארשירט גיך איינעמענדיג שטאט נאך שטאט, נעמענדיג הונדערטער און טויזנטער רוסישע סאלדאטן אין געפענגעניש.

אזוי זענען מיר ווייטער געלאפן אונטער א האגל פון באמבעס ווען יעדע פאר טריט האבן מיר גערופן איינער צום צווייטן:

"טאטי, דו ביסט דא?"

"מאמי, וואו ביסטו, דו לעבסט??"

"יא, איך קום!"

"הערשל.. שרה'קע ..רות'ל... נתן... דו לעבסט נאך..?"

"יא.. יא.."

מיר האבן איבערגעלעבט די אטאקע פון די דייטשן ימ"ש דורך אומגעווענליכע ניסים און כסדר'דיגע תפילות אויף אונזערע ליפן, ביז מיר האבן ענדליך געטראפן א באן וואס איז געווען אקטיוו, פירנדיג רערן. אינסטינקטיוו האבן מיר זיך ארויפגעכאפט אויף די געפאקטע באן מיטפארנדיג וואוהין די רעדער האבן אונז געטראגן.

ווען די באן האט זיך אפגעשטעלט אין סטאלינגראד זענען מיר דארט אפגעשטיגן. סטאלינגראד איז געווארן אונזער עיר מקלט וואו מיר האבן געליטן און זיך דערהאלטן פאר די קומענדיגע דריי יאר ביז די מלחמה האט זיך געענדיגט און מיר האבן זיך געקענט צוריקקערן קיין אומאן.



סטאלינגראד איז געווען א מאדערנע שטאט מיט א פארגעשריטענע טעכנאלאגיע און פאבריקן. די שטאט האט קאנטראלירט די באנען און שיפן קאמוניקאציע פון צפון רוסלאנד. אריינקומענדיג אין סטאלינגראד האבן מיר אנגעטראפן א הערליכע שטאט מיט הויכע אפארטמענט געביידעס, שיינע פארקס און גערטנער וואס האבן באצירט די שטאט. ארויסגייענדיג נאך די מלחמה האבן מיר איבערגעלאזט אונטער זיך וויסטעניש פון זאמד, שטיינער און שטויב...

אין סטאלינגראד האבן נישט געוואוינט קיין אידן. די גוים וואס האבן יעצט געזען אידן צום ערשטן מאל האבן אונז אנגעקוקט מיט קעלבערנע אויגן זוכנדיג אונזערע הערנער. מיר האבן זיך איינקוואטירט אין א שטיבל דערפל וואו א גוי האט רחמנות געהאט אויף אונז און אונז פארדונגען איין צומער. אין יענעם דערפל איז געווען נאך איין אידישע משפחה, אויך פליטים פונקט ווי אונז. מיר האבן זיך געהאלטן ווי שוועסטער און ברידער, טיילנדיג זיך אין ליידן און אין פריידן.

מיין טאטע פלעגט זיך אויפפירן ארנטליך צו די גוי'ישע שכנים און אלץ געמאכט א קידוש ד'. די גלחים, להבדיל, פלעגן זאגן צו מיין טאטן: "איך האב נישט ליב אידן אבער דיר האב איך ליב." זיי האבן ליב געהאט צו נאשן פון מיין טאטנ'ס ידיעות און קלוגשאפט וואס ער האט געהאט בשפע. ער איז געווען אן אינטעליגענטער מענטש, געקענט זיבן שפראכן און געשפילט אויף כלי זמר.

דאס ארעמקייט אין סטאלינגראד איז געווען אויף אזא גרויסן פארנעם אז אפילו מען האט געארבעט פיר און צוואנציג שעה אין טאג האט מען נישט געמאכט קיין געלט, נאר באקומען א קארטל צו אויפטוישן פאר א כזית ברויט. פון אן אנשטענדיגן מלבוש איז נישט געווען וואס צו רעדן. די גאנצע צייט האב איך זיך געדרייט מיט איין קלייד וואס איז געווען פארלאטעט פון אלע זייטן.

אין אומאן זענט איר געווען פון די בעל בית'שע אידן. ווי אזוי האט איר געקענט אין גלות אויסהאלטן דאס דערדריקענדע ארעמקייט?

"אוודאי האבן מיר אויסהאלטן" האט זי געענטפערט מיט גלאנציגע אויגן. "מיין טאטע האט אונז אויסגעלערנט צו טאנצן און פאטשן מיט די הענט צו פארטרייבן די מרה שחורה!"

אין די גוטע צייטן פאר די דייטשן האבן זיך אנגעריקט האט מען געקענט אפזוגן א גרויסן בוים און דערנאך צוהאקן די צווייגן, פארקויפן און באקומען דערויף א קליין שטיקל ברויט וואס האט געמוזט צעטיילט ווערן צווישן א משפחה פון הונגעריגע נפשות. איך פלעג איינאיינעם מיט מיין טאטן א גאנצע נאכט ארבעטן אויף א בוים פאר א בעקעריי, און אינדערפרי אהיימברענגען דעם אויסגעווארטעטן אוצר.

מיין ברודער הערשל פלעגט אלץ זאגן: "פון די אלע גליקן איז נישט דא וואס צו פיקן!" ער האט געארבעט ביי א פערדן שטאל, מיין טאטע ביי א תבואה פעלד און איך ביי א מעל פאבריק, מיט דעם אלעם איז דער מאגן אלץ געווען ליידיג. איין באשעפער ווייסט ווי אזוי מיר האבן איבערגעלעבט דעם טאג.

## ווי אזוי האט איר געפראוועט דעם פסח?

אין גלות האבן מיר נישט געהאט א לוח פעסטצושטעלן די ימים טובים. ווען פרילינג האט זיך דערנעענטערט האבן מיר אנגעהויבן צו טראכטן פון פסח. דער איד וואס איז געווען צוזאמען מיט אונז האט אויך פרובירט צו דערגיין דעם ריכטיגן דאטום. ער האט ארויסגעשיקט בריוון צו באקאנטע אבער בשעת די מלחמה איז די פאסט געווען זייער אונטערדשטעליג, די טעג לויפן און מיר ווייסן נאכנישט וואו מען האלט. בלית ברירה האט מען אויסגע'חשבונ'ט ווען פסח געפאלט אויס. לויט דעם האבן מיר פסח'דיג געמאכט אונזער ארעמע כאטקע צו פראווען דעם זמן חרותינו. פון באקן מצות איז נישט געווען וואס צו רעדן. דאס ארעמקייט איז געווען אזוי גרויס אז אפילו א פעקל מעל פאר מצות איז נישט געווען בנמצא.

וואס ווערט מען עסן פסח? מיינע עלטערן האבן זיך אן עצה געגעבן. זיי זענען אויפגעקומען מיט א פלאן אז מען וועט אויפטוישן אונזערע ברויט קארטלעך פאר צוקער. מען האט צעלאזט די צוקער אין וואסער און מיט דעם האבן מיר זיך

דערהאלטן ביים לעבן. איך קענט זיך פארשטעלן אז דאס איז נישט געווען גרינג. מיר האבן געהונגערט גאנצע אכט טעג.

נאך פסח ווען מיר האבן קוים אויסגעפאסט אויף די אויסגעווארטע ברויט, האט דער איד באקומען א ידיעה דורך א בריוו ווען עס איז דער ריכטיגער דאטום פון פסח. יענער יאר איז געווען אן עיבור יאר, במילא האבן מיר טאקע נישט גוט אויסגערעכנט דעם דאטום. דאס האט געמיינט אז דער צוקער-וואסער האט מען געטרונקען אין א וואכנדיגער וואך.



מיר האבן ווידער פסח'דיג געמאכט און געפראוועט נאכאמאל צוויי סדרים ווען מיר לעבן איבער די וואך אויף צוקער וואסער! עס איז טאקע געווען שווער אבער די שמחת יום טוב וואס מיר האבן געשפירט און די געהויבענע סדרים וואס דער טאטע האט געפראוועט, קען נישט די בעסטע מעדנים זאט מאכן!

## ווילאנג האט געדויערט ביז די מלחמה איז אנגעקומען קיין סטאלינגראד?

די שטאט איז גאנץ שנעל געקומען אונטער אטאקע!

אלול תש"ב איז געקומען דער ידיעה אז די דייטשן דערנענטערן זיך צו סטאלינגראד. עס איז געווארן א בהלה צווישן דעם המון עם, זיי האבן טאקע געהאט פארוואס; די שלאכט דארט איז געווען דער בלוטיגסטער וואס די וועלט האט אמאל געזען. פיר מיליאן סאלדאטן און ציווילע באפעלקערונג האבן פארלוירן זייער לעבן און אן א שיעור זענען פארוואונדעט געווארן. א לעבן פון א סאלדאט איז געשאצט געווארן אויף פיר און צוואנציג שעה ווען עס איז געווען ניינצן טויזנט טויטע יעדן טאג!

אויפ'ן וועג צום שלאכטפעלד האבן די סאלדאטן גערעדט צווישן זיך: "מיר זענען אויפ'ן וועג צום גיהנם". אנקומענדיג דארט האבן זיי זיך פארראכטן: "דאס איז צען מאל ערגער ווי גיהנם!"

די סאלדאטן האבן זיך געריסן צו פארטרייבן דעם אנדערן צד. דען ווייבאלד סטאלינגראד איז נאנט צו מאסקווע די הויפט שטאט פון רוסלאנד, האבן זיך ביידע מאכטן געקריגט מיט ציין און נעגל.

אינאנהייב האבן די דייטשן געהאט די אויבערהאנט. די רוסן האבן זיך געמוטשעט מיט א שוואכע ארמיי. זיי האבן אין זייער ענגשאפט ארויסגעשיקט אפילו פרויען צום שלאכטפעלד. ווער עס האט געקענט האלטן א רעוואלווער אין האנט, איז געשיקט געווארן צום ארמיי.

די פאראייניגטע ארמייען זענען נישט שטיל געבליבן נאר זענען געקומען צו הילף ברענגענדיג סאלדאטן און מלחמה סאפלייען.

די דייטשן האבן געווארפן אלעס וואס זיי האבן געהאט אין א לעצטער פרואוו צו געווינען די שלאכט. מיט דעם אלעם האבן זיי אנגעטראפן דאס מערסטע פאטריאטישע ווידערשטאנד וואס זיי האבן אמאל באגעגנט.

ביי איין פאל זענען פופציג רוסישע סאלדאטן געשטאנען העכער א בארג און געווארפן א העפטיגן ווידערשטאנד. פאר פינף טעג האבן זיי באשאסן די דייטשן מיט הייס געווער דורכאויס צען באזונדערע שלאכטן. ווען זייער וואסער און סאפליי זענען אויסגעגאנגען אן קיין מעגליכקייט צו באקומען א נייע שיקונג צו זייער ארט, האבן די דייטשן זיי באזיגט. ווי נאר די דייטשן האבן זיך דערנענטערט צום בארג זענען זיי געכאפט געווארן אין שאק; עס זענען געווען דארט נאר פערציג טויטע. פון דעם שטארקן ווידערשטאנד האבן די דייטשן געמיינט אז עס געפינט זיך דארט א ריזיגע ארמיי!

די העפטיגע שלאכטן זענען אנגעגאנגען אפילו אין די גאסן, ארייננדרייענדיג די רעזידענטן אינ'ם קריג.

מען האט זיך געשלאגן פון הויז צו הויז. עס איז ארומגעגאנגען א ווערטל: "די קאך איז שוין איינגענומען יעצט קריגט מען זיך איבער די דיינינג רום!"

מיט גרויס סיעתא דשמיא האבן די פאראייניגטע ארמייען מצליח געווען צו באמבארדירן די דייטשע לופט פעלדער, איינע נאך איינע; דריי אין צאל. דאס איז געווען א גרויסער קלאפ פאר די דייטשן וואס האבן מער נישט געקענט ליפערן וויכטיגע סאפלייס פאר די שווערע מלחמה. זיי האבן געדארפט עסן, געווער, קליידונג און היילונגס מיטלען פאר די פארוואונדעטע סאלדאטן. קיין אנדערע מיטלען צו שיקן די אויסגעווארטע סחורה האבן די דייטשן נישט געהאט נאר צו אראפווארפן פעקלעך פון עראפלאנען, אבער דאס ביסל סאפלייס האט ווייט נישט געקלעקט. די אכצן טויזנט פארוואונדעטע דייטשן האבן

נישט געהאט קיין באנדאזש פאר א רפואה.

אין אלע גאסן האבן זיך געוואלגערט געשעדיגטע דייטשע טאנקען. די פאראייניגטע האבן חוזק געמאכט אז די טאנקען זענען שוין נישט מער ווי א פילן פושקע...

די איבערגעבליבע דייטשע סאלדאטן זענען גענומען געווארן אין געפענגעניש. אין א באריכט האט אן אפיציר איבערגעגעבן אין וועלכע מצב זיי האבן געפונען די דייטשע סאלדאטן: "מיר זענען אנגעקומען צו א באמבאדירטן בנין. אין הויף איז געווען אויסגעלייגט ביינער פון פערד, איבערבלייבענישן, נאך וואס די אויסגעהונגערטע דייטשן האבן געגעסן די פלייש רויערהייט. אונטן אין קעלער האבן מיר געפונען אויסגעדארטע, פאר'חלש'טע דייטשן, פארפרוירן פון קעלט. רוב זענען געווען פארוואונדעטע און קראנק אן די מינדעסטע מעדיצינען.

די נאציס האבן איגנארירט די הילפס רופן פון זייערע געשטראנדעטע סאלדאטן. פאר זיי איז וויכטיגער געווען צו אומברענגען די אידן רח"ל ווי איידער ראטעווען זייער בלוט און פלייש.

## אין אט דער מהומה איז געפאלן אייער גודל אנטייל צו נעמען?

יא, אזוי ווי איר הערט!

איך געדענק די שלאכטן ווי היינט. די באפאנצערטע סאלדאטן האבן זיך געדרייט אונטער די פיס. זיי זענען געווען אנגעטאן מיט ווארעמע קליידער, נאר זייערע דערשראקענע אויגן האט זיך ארויסגעזען. די גאנצע שטאט איז געווארן מאביליזירט. אלע עסנס און פארטיגע פראדוקטן האט מען אוועקגעגעבן פאר דער ארמיי.

יעדער האט געמוזט ארבעטן. מיין ברודער צבי הערש איז געווען דאן א זעכצן יעריגער בחור, טראץ זיין יונגן עלטער האט ער געדינט אין מיליטער. מיט גרויסע ניסים האט ער איבערגעלעבט די העפטיגע שלאכטן.

די באמבעס זענען געפאלן איבער אונזערע קעפ. די גוי'שע שכנים האבן זיך גערייצט מיט אונז: "יעצט לאמיר זעען וואו אייער ג-ט איז?" האבן זיי געפינטלט צו אונז שפאסיג. דער דערבארעמדיגער ג-ט האט אונז נישט פארלאזט און געמאכט ניסים פאר אלעמען צו זען. ווען די גוי'שע הייזער האבן זיך צאמגעלייגט פאר אונזערע אויגן אבער ביי אונז און שטוב איז נאר פארברענט געווארן דער דאך, האבן אלע מודה געווען אז 'אין עוד מלבדו!'

יעדער אן אויסנאם האט געמוזט ארבעטן. פאר אונז האט מען צוגעשטעלט ארבעט ביי א מיל וואו מיר האבן געדארפט דרייען דאס רעדל וואס מאלט ווייץ. מיין טאטע, מאמע און איך האבן באזונדער באקומען א שיפט. איך האב געשוינט מיינע עלטערן אין זייער שוואכן מצב צו דארפן ארבעטן ביטער שווער האב איך איבערגענומען זייער שיפט.

## ווי אזוי האט איך באוויזן צו ארבעטן אזוי שווער?

אה, נאר מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף האב איך געהאט א חוץ לדרך הטבע'דיגער כח! בשעת'ן דרייען דעם שווערן רעדל האב איך גערעדט צום אויבערשטן אין אידיש און מתפלל געווען אויף אונזערע צרות.

די מלחמה איז אנגעגאנגען אין פולן שוואונג מאכנדיג חרוב די שטאט. פון עסן איז נישט געווען וואס צו רעדן. דער הונגער איז געווען אומדערטרעגליך און האט אונז אפגעשוואכט ביז צום מארך ביין. מיין טאטע האט אנגעהויבן צו ווייזן סימנים פון כראנישע הונגער. אפילו אין זיין שוואכן מצב האט ער נישט אויפגעהערט אונז צו מחנך זיין און זיך אפגעבן מיט די קינדער.



איך פלעג זיך ארומדרייען אין מארק מיט אויסגעשפרייטע הענט אז מענטשן זאלן עפעס ארייןווארפן, מער פון אפאר ברעקלעך ברויט האב איך נישט אהיימגעברענגט.

## וואס איז ווייטער געווען מיט אייער טאטע?

אין יענע צייט האב איך געארבעט ביי די פארוואונדעטע סאלדאטן אין מיליטערישן שפיטאל וואס איז געווען ווייט פון אונזער שטוב. בסיעתא דשמיא האב איך באקומען אן ערלויבעניש אהיימצוגיין זיך אפצורוען. ביי יענעם באזוך איז געווען דאס לעצטע מאל וואס איך האב געזען מיין טאטן. עס איז געווען דאן מוצאי שבת, מיין טאטע איז געזעסן מיט זיין פידל, טראץ זיין שוואכקייט האט ער געזונגען די גאנצע זמירות פון מוצאי שבת. געציילטע טעג שפעטער איז ליידער זיין צייט געקומען צו גיין. אונזער צער און ווייטאג איז געווען אומגעהויער גרויס ווען מיר האבן באוויינט דעם פארלוסט. איין טרייסט

האבן מיר געהאט, אז דער טאטע איז כאטש געקומען צו קבר ישראל וואס אנדערע האבן צו דעם נישט זוכה געווען.

בעפאר ער איז נפטר געווארן האט ער אויסגעלערנט מיין מאמע'ן די הלכות פון קבורה. ער האט נאך גערעדט ביז זיין לעצטן אטעם. ער האט געבעטן מען זאל פארשרייבן דעם גוי'שן דאטום פון זיין פטירה און נאך דער מלחמה זאל מען אויסרעכענען דעם אידישן דאטום. ער האט שטארק געוואלט אז מען זאל האלטן זיין יארצייט וואס געפאלט ה' אייר. ער ליגט אין א גוי'שן בית הקברות נעבן נאך איין איד.

## ווי אזוי האבן די קינדער איבערגעלעבט די מלחמה?

די סטאלינגראדער קינדער האבן געגעסן ערד פון גרויס הונגער. זיי פלעגן גיין אונטער די סאלדאטן און נעמען זייערע ברעקלעך עסן וואס זענען (נישט) אראפגעפאלן. מיט דעם אלעם האבן זיי צוגעהאלפן צו די מלחמה. זיי פלעגן ליפערן שפיאנאזש פעקלעך פון איין פלאץ צום צווייטן. אין א מאנגל פון ארבעט'ס פעאיגע האט מען ארויפגעלייגט אלע סארט ארבעט אויף זיי.

איך האב געארבעט ביי די פארוואונדעטע סאלדאטן. די בילדער וואס איך האב דארט געזען איז נישט צום רעדן אן אוודאי נישט צו באשרייבן.

## קענט איר אונז מיטטיילן כאטש איין נס וואס איר האט בייגעוואוינט אין יענע שרעקליכע טעג?

יא, ניסים האב איך געהאט יעדע מינוט פון טאג אבער עפעס אויסטערליש איז געשען אין א זוניגן טאג, ווען איך בין געווען ביי דער ארבעט זענען מיר געטראפן געווארן פון א באמבע. דער בנין האט זיך צאמגעלייגט ווען אלע ארבעטער צעלויפן זיך, אבער פאר מיר איז שוין געווען צו שפעט, איך בין באגראבן געווארן אין א קבר. איך געדענק זיך טראכטן דעמאלט: 'אוי, אויף אזא נעבעכדיגן וועג אוועקצוגיין פון דער וועלט! הייליגער באשעפער העלף אז כאטש איין איד זאל אמאל אריבער מיין קבר און זאגן א קאפיטל תהילים!' אזוי האב איך הייס מתפלל געווען ביז איך בין איינגעשלאפן אין א טיפן, לאנגן שלאף.

מיין מאמע און געשוויסטער האבן באקומען א ידיעה איבער מיין אומקום און זיך געזעצט שבעה נאך מיר מיט גרויס צער און קלעם.

נאך דריי טעג וואס איך בין געלעגן אין גרוב האט דער ארבעטס אויפזעער מחליט געווען אז איך פעל אים אויס ביי די ארבעט, האט ער זיך דערבארעמט איבער מיר און אויפגעגראבן מיין קבר וואו ער האט מיך אנטדעקט באוואוסטלאז. איך בין געווארן אפגעפירט אין שפיטאל אין א קריטישן צושטאנד. קיינער האט זיך נישט געקימערט איבער מיר אין א מצב, ווען טויטע און פארוואונדעטע האבן זיך געוואלגערט אין די הויפנס. איך ווייס נישט פונקטליך ווי לאנג איך בין דארט אפגעלעגן ביז איך האב זיך אין איין שיינעם טאג אויפגעכאפט פון שלאף. טרעפנדיג זיך אין א פרעמד פלאץ בין איך ארויסגעשפרונגען פון בעט און אהיימגעלאפן דאס שנעלסטע וואס מיינע פארוויטאגטע פיס האבן מיר ערלויבט.

ווען מיין מאמע האט מיך געזען איז זי ארויפגעפאלן אויף מיר מיט זודיגע טרערן פון פרייד וועלכע האבן באנעצט מיין געזוכט. מיינע געשוויסטער האבן געקוקט אויף מיר פון קאפ ביז פיס זוכנדיג אן אנדענק פון גן עדן!

"אויף וועלכע וועלט ביסטו?!" האבן זיי געפרעגט אין שאק – "דו לעבסט אדער דו גייסט מיט תכריכים?" מיינע אפגעריסענע קליידער האבן טאקע געענדלט צו דעם. דער נס האט ווירקליך פאסירט. ווידער האבן מיר בייגעוואוינט תחיית המתים מיט די אייגענע אויגן. אזוי ווי מיר האבן כסדר געזען דער יד ד' אויף טריט און שריט.

מיר זענען ארויס אין א פרייליכן טאנץ. דארט אויפ'ן פלאץ האב איך געמאכט א ליד וואס איך האב איבערגעזונגען נאכאמאל און נאכאמאל, אנכאפנדיג מיין מאמע'ן ביי די הענט דרייענדיג זיך אין א ראד ארום און ארום!

פאלגנד איז דער ליד איבערגעזעצט פון רוסיש: "מאמע, דו האסט מיר געבוירן אין א גוטע מינוט, אפילו עס איז מיר שווער דאך בין איך פרייליך א יעדע מינוט!"

*

די חשוב'ע רביצין ע"ה האט זוכה געווען ארויס צו פארן פון רוסלאנד, און חתונה געהאט מיט איר חשוב'ן מאן הרה"ח ר' יצחק געלבאך ז"ל. צוזאמען האבן זיי אויפגעשטעלט א לעכטיגע שטוב מיט קינדער און אייניקלעך פון וועמען זי האט געשעפט הויפנס נחת!



**ספר תהילים פון הרבנית געלבאך ע"ה, וואו מען זעט אויף יעדן בלאט א קוויטל צו מתפלל זיין פאר אידישע קינדער. איר מנהג איז געווען צו אויסזאגן יעדן טאג גאנץ תהילים מיט אלע הזכרות און נעמען וואס איז געווען צוגעלייגט צום תהילים.**

# טאטע, איך האב מורא!

וואס איז דאס?! עפעס גייט פאר, אדער איך רעדט מיך נאר איין?! די פייפערייען פון די ווינטן צעטרעמען מיין מח; זיי בלאזן צו שטארק. איך וואקל מיך געפערליך. איך בין אומבאקוועם, אומזוכער. איך שפיר ווי איך פארליר מיין גלייכגעוויכט. איך הענג לויזערהייט. וואס גייט דא פאר?! איך האב נאך קיינמאל נישט געשפירט אזוי.

האב צום ערשטן מאל געשפירט די ווארימע זון שטראלן איבער מיינע באקן; די ערשטע רעגן טראפן איבער מיין צווייגל; די זוממער פויגעלע וואס איז מיר געקומען גלעטן אלס פיצלס; די ערשטע פויגל וואס האט זיך באשיצט אונטער מיין שאטן. איך געדענק ווען די ווינט האט מיר אזוי איידל געוויגט, פייפנדיג אן אנגענעמע לידל.

אוי טאטע, העלף! וואס טוט זיך דא?! איך טרייסל! טאטע אין הימל... טאטע.... טאטע... טאטע, שטארק מיר ווייטער ווי דו האסט אלעמאל געטון.

מיין טייערע.... ס'איז אוממעגליך...
דאס איז אלעס פאר דיין תפקיד...

אבער איך האב מורא!

רעדט זיך אויס צו מיר דערוועגן...

עס באפאלט מיר א שוואכקייט!

שרעק זיך נישט מיין קינד, דאס איז אלעס ווייל עפעס נייע קומט פאר...

איך קען נישט אזוי אנגיין... איך קען פשוט נישט! מיין לעבן הענגט אויף א האר. קוק אויף די אלע אנדערע בלעטלעך, זיי ליגן אויף דער ערד ארויפגעווארפן איינע אויפ'ן צווייטן, אין א גרויסע בארג. איך וויל נישט פאלן ווי זיי. טאטע זאג מיר צו אז דאס וועט נישט פאסירן צו מיר. טאטע אין

אה, דארט פון דער ווייט, זע איך מיינע פריינדינעס - אנדערע בלעטלעך, איך וועל זיי פרעגן.

היי, שוועסטערס! אויך ענק ווערן אויפגעשאקלט דורך די בייזע ווינטן? ענק ציטערן אויך? זאג מיך, כ'מיין עס ערנסט, ענק האבן אויך מורא?

אוי, בלעטעל טייערע, ס'איז גארנישט.

ביסטו זיכער?

איך בין אליין אין מיין קלעם. קיינער פארשטייט מיך נישט. איך ציטער. מיין גאנצע וועזן טרייסלט. וואס איז פלוצלונג געשען צו די ווינט אז זי איז ארויס אין א קריג מיט אונז?

וואס וויל זי? מיך אומווארפן פון בוים חס ושלום? אבער איך בין אלעמאל געווען דא. דא בין איך אויפגעוואקסן, געבליט און געלעבט בשלום. דא אויף דעם בוים.

דא בין איך געבוירן געווארן. מיין לעבן האט זיך אנגעהויבן אלס א קליין גרינע שפראצונג. איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן ווען איך

הימל, דו נעמסט אן אלע אונזערע תפילות
ווערסטו מיר אויך ענטפערן אויף מיין פארלאנג.
ביטע פארלאז מיר נישט!

טאכטערטשי מיין, איך בין דא מיט דיר, נעבן
דיר. איך הער דיר.

איך וויל בלייבן א בלעטל אויפ׳ן בוים! א בלעטל
בייטאג ארייננאטעמנדיג די זון שטראלן; א
בלעטל שטארק און גרין אין די טינקלקייט פון
דער נאכט.

טאטע! טאטע! איך פאל, האלט מיך צו!!!

אוממעגליך...

די ווינטן ווערן שטארקער און בייזער. טאטע
אין הימל, איך ציטער.

רעדט זיך אויס...

איך טרייסל פאר שרעק.

מעגסט וויינען, ס׳איז זייער געזונט...

אהההההה!

נאך שטערקער...

אאאהההההההה! טאטע! טאטע! דו ביסט נאך
מיט מיר?

יא, מיין טייערע קינד...

דו ביסט ווירקליך דא מיט מיר?

יא...

און דו ווערסט שטענדיג בלייבן מיט מיר?

יא. וואס עס זאל חס ושלום נישט פאסירן מיט
דיר בין איך שטענדיג אויף דיין זייט...

ווערסטו מיר אמאל פארלאזן?

זיכער נישט...

איך דארף פאלן?

יא, האלט זיך אן אין מיר פעסט. פעסטער. וואס
שפירסטו?

הממ... ברוך השם.

ס׳טוט דיך עפעס וויי?

ניין.

האסט מורא?

נישט געפערליך.

מאך צו דיינע אויגן. בארואיג דיך. לאז לויז דיינע
שטייפע מאסקלען. שפיר די פרייליכע טאנץ פון
די ווינטן ארום דיר...

ס׳שאקלט מיר געפערליך.

געב זיך אונטער. קריג זיך נישט מיט זיי...

טאטע, איך האב נאכאמאל מורא.

קענסט זיך ווידער אויסרעדן פאר מיר. איך הער
דיך אויס...

טאטע, איך פאל!!!!

איך האלט דיך צו... פאמעלעך. האב נישט מורא,
איך האלט דיר אונטער.

הההההההה

דאס בלעטעלע איז געפאלן צו די ערד. צוביסלעך
געוואוינט זי זיך צו צו איר נייע לעבן. זי באגעגנט
איר פריינדינעס און שפרינגט פרייליך ארום
מיט זיי. זי האט יעצט א נייע תפקיד, דינען דעם
באשעפער אויף איר נייעם ארט. זי וועט זיך
אונטערגעבן צו רצון השם און פון דארט געבן א
ניצן פאר די בריאה.







# טון און נישט אויפטון

ס׳איז ליל הסדר. שרה זיצט ווי א קעניגן אויף איר טראן. אלעס ארום איר בליטשקעט און גלאנצט מיט א הימלישע שיין. זי ציפט זיך אויב ס׳איז א חלום אדער וואר. זי האט מצליח געווען אויסצורוימען יעדעס פינטל חמץ פון הויז און דאס קליין פראצענט חמץ וואס מען האט נישט געקענט אויסרוימען ליגט ביים גוי אין די הענט. ביי איר אין באזיץ געפינט זיך נישט קיין משהו חמץ. א גוטע געפיל נעמט איר ארום אין אלע גלידער, זי האט דאס דערלעבט! עס האט געלוינט די מי און פלאג. נאך א גאנצע חודש הארעווען האט זי זוכה געווען דערצו.

די יום טוב ליכט, איינגעזעצט אין די בליטשקעדיגע לייכטערס פינקלען און פארבלענדען אירע אויגן. די קדושה פון די הייליגע נאכט קען מען טאפן אין די לופט.

״קדש!״ הערט זיך אן אויסרוף פון דעם אויסגעגלאנצטן היסב בעט, צוריקברענגדיג שרה צום באוואוסטזיין. אט הייבט מען אן דעם דערהויבענעם סדר נאכט אויף וואס מען האט שוין לאנגע וואכן געטרוימט און געווארט.

די דערהויבענע יום טוב טעג לויפן שנעלער ווי מען האט געוואלט. זיי פליען אדורך צווישן די הענט וואס זענען פארנומען מיט אויפקראכן אייער, קראכן ניס און רייבן קארטאפל.

שרה לויפט ווייטער פון איין פליכט צום צווייטן. די טאפ אייער בלעזלט שוין, די סאלאט וועט זי באלד אויסמישן פרישערהייט, אט וועט מען אהיימקומען פון שול און פראווען א שיינעם פרישטאג, אויך א חלק פון דעם עונג יום טוב. ווען האט זי צייט אינמיטן יאר צו זיצן מיט די משפחה און עסן פרישטאג? קוים וואס זי כאפט עפעס אין מויל אריין.

שרה רוקט אריין נאך א אין קוגל אין אויוון איידער זי גייט ארויס פון קיך צאמצונעמען די שלאף צימערן. יענקעלעס בעט געוואנט דארף מען איבערבייטן. זי הייבט עטוואס אונטער דעם מאטראץ אראפצושלעפן דעם ליילעך און זי פאלט אראפ מאכטלאז צום ערד. שווארצע רינדן שטעלן זיך קעגן אירע אויגן. זי פאלט שיער אין חלשות. דארט אונטער דער מאטראץ אנטפלעקט זיך פאר אירע אויגן א צעקוועטשטע ברוינע קעיק. און נישט סתם א שטיקל חמץ וואס מען קען אריינווארפן אין טאפ פון בית-הכסא נאר א צעברעקלטע, פארשמירטע שטיקל חמץ צעשפרייט צווישן א גרויסן חלק פון מאטראץ און האלץ פון בעט.

אוי ווייׅ, די קעיק וואס איך האב אנגעזאגט צו עסן נאר אין פארק האט דא געלאנדעט. שרה האט נישט געוואוסט וואו זיך אהינצוטון. זי איז אריינגעפאלן אין דעם אויסגעגלאנצטן סאפא אבער יעצט שטעכט דאס איר ווי מיט שארפע נאדלעך.

איך האב געהעריג געמיינט... איך האב מיך איינגערעדט... ס׳איז

בכלל נישט ריכטיג... עס האט זיך מיר נאר געדאכט אז מיין הויז איז כשר לפסח. און וואו האלט איך יעצט אויף דער וועלט?

זי לויפט אריין אין קיך, לעשט אויס דעם טאפ אייער אז ס'זאל נישט קראכן ביז צום דאך. עס אינטערעסירט איר מער נישט קיין פרישטאג און גארנישט, זאל זיך יעדער עסן מצה און מאסט. דעם יום טוב האב איך שוין ממילא פארשפילט. מיין הויז איז נ-י-ש-ט פסח'דיג!

אזוי האט דער שווארצער שאטן געהויערט איבער שרה פאר א לאנגע צייט ביז זי איז שוין נמאס געווארן אין דער ווייסער שאטן האט געקענט אויסשרייען (אין א שטילע קול).

"דיין הויז! זייט ווען איז עס דיין הויז?! האסט מתפלל געווען אז 'זיין' הויז זאל ווערן פסח'דיג?"

"יא אוודאי, כ'האב געזאגט 'בארוך האשעם' און 'אימירצאשעם', אבער ווער האט געהאט צייט פאר תפילות אין דעם פארנומענעם סדר היום?! נאר לויפן און לויפן האב איך געקענט."

"אקעי, האסט ריכטיג געטון אבער די געלויף דארף מען שמירן מיט תפילות אז ס'זאל זיך גליטשן גלאטיג אזוי ווי אויל אויף א מאשין. נישט געפערליך, איבער א יאר וועסטו שוין בעסער וויסן."

"חני, דו הערסט?" האט שרה אריינגעשריגן אין דעם פסח'דיגע טעלעפאן גענוג הויך אז איר שוועסטער האט געדארפט אראפנידערן דאס קנעפל פון איר טעלעפאן.

"דאס יאר ערב פסח האב איך גארנישט אויפגעטון! איך וואלט רואיג געקענט זיצן אויפ'ן שמוציגן סאפא און מתפלל זיין אז דער אויבערשטער זאל מיר געבן א פסח'דיגע הויז און פארטיג. אלעס איז דאך נאר תפילות. מיט מיינע הענט קען איך גארנישט טון. זעסט דאך, איך האב ערב פסח אויסגענוצט א פעקל אויער שטעקעלעך, צוויי פעקלעך ציין שטעקעלעך, עטליכע ציין בערשטלעך, וויפיל פלעשער בליטש און הענטשיקעס עס איז מיר אויסגעגאנגען דאס געדענק איך שוין בכלל נישט, אפשר חנה גיטי וועט וויסן. און קוק אהער, מיין הויז איז בכלל נישט כשר לפסח, יענקעלע האט פארשטעקט א גראבן שטיק חמץ אונטער זיין מאטראץ אז אויב עס וועט קומען א הונגער יאר זאל ער האבן וואס צו עסן."

"און וואס איז מיט די הכנה למצוה?" האט חני איר איבערגעהאקט. "דו האלטסט נישט אז דער אויבערשטער האט הנאה געהאט פון דיין יגיעה אויסצורוימען דעם חמץ פון שטוב."

"יא," עפעס הייבט זיך שוין אן אויסצוקלארן אין קאפ.

"איך וועל דיר פארציילן א שיינע זאך וואס איך האב געהערט דערציילן.

ס'איז געווען דעם ערשטן פסח נאכן צווייטע וועלט מלחמה. עס איז שוין אריבער א קיילעכיג יאר זייט מען איז אויסגעלייזט געווארן פון די נאציס ימ"ש. מען האט שוין אזוי געגארט צו פראווען א נארמאלן פסח ווי מען איז געוואוינט געווען פון אינדערהיים, אבער דער השגחה האט אנדערש געפירט און מען איז נאך געווען פארוואגלט צווישן די ערהוילונגס לאגערן אין אייראפע.

חנה, א מלחמה איבערלעבערין האט געארבעט אלס נורס (שוועסטער) אין שפיטאל וואו זי



האט געטריי באדינט די קראנקע וועלכע זענען נאך לײדער געווען צוגענאגלט צום בעט נאך די אלע פייניגונגען וואס די נאציס ימ"ש האט זיי אפגעטון.

ס'איז שוין געווען ערב פסח אבער צווישן די אומעטיגע ווייסע ווענט האט זיך נישט אנגעזען קיין זכר פון פסח הכנות. חנה האט געקאכט ווי א קעסל. זי האט געדענקט ביי זיי ווי מען האט אויסגערוימט יעדעס ווינקל פון חמץ און גע'כשר'ט די כלים. מיט אירע ווייניג מעגליכקייטן האט זי זיך פלייסיג גענומען צו דער ארבעט. צופיל כח האט זי נישט געהאט, זי אליין האט לײדער מיטגעמאכט א יאר צייט אין די פארניכטונג'ס לאגערן מיט הונגער און קרענק, אבער זי האט זיך צאמגענומען אירע ביסל כוחות און אויסגערייניגט איר צימער פון חמץ.

די עסקנים פון ועד הצלה האבן זייער שווער געארבעט צו לינדערן די פיין פון די מיטגעמאכטע פליטים אבער אויך זיי האבן נישט געהאט צופיל מעגליכקייטן. מען האט געברענגט פסח פעקלעך וואס האבן אנטהאלטן כשר לפסח'דיגע פראדוקן און אויך איבער פסח האט מען זיי סערווירט ווארימע געקעכצן אז מען זאל ח"ו נישט דארפן נכשל ווערן מיט חמץ אום פסח.

אבער פאר חנה האט זייער געקרענקט אז מען וועט זיך דארפן באניצן מיט די חמצ'דיגע כלים וואס מען האט נאר נעכטן געגעסן הייסע חמץ דערין. אויך פאר די אנדערע פרומע מיידלעך האט געשטערט אז מען וועט נישט קענען פראווען א מהודר'דיגע פסח.

חנה האט מחליט געווען אז זי וועט כשר'ן די כלים.

וואס? א מיידל אליין? זי ווייסט נישט קיין הלכות, אבער דאס מאכט נישט אויס אין יענע אומשטענדן. דער עיקר וואס דער אויבערשטער וויל איז דער רצון צו מקיים זיין זיינע מצוות.

ביים אנדערן זייט פליגל פון שפיטאל האט זיך געפונען א קראן פון וואו עס איז געפלאסן הייסע וואסער. זי האט צאמגענומען די חבר'טעס געשיר, זיי ארויפגעלייגט אויף א רעדער טישל און דאס געפירט צום הייסן קראן, וואו זי האט געוואשן און געשווענקט די געשיר אונטער דער הייסער שטראם וואסער. אזוי האט זי זיך א גאנצן ערב פסח געשלעפט עטליכע מאל אהין און צוריק מיטן רעדער טישל אנגעהויפט מיט געשיר פון די קראנקע מיידלעך, וועלכע האבן אויפגעלויכטן צוריקבאקומענדיג זייערע 'פסח'דיגע' געשיר.




"איך ווייס נישט אויב ס'איז טאקע כשר לפסח," האט חנה זיי געזאגט.

"מיר פארלאזן זיך אויף דיר בלינדערהייט," האבן זיי איר פארשפראכן. "אויב דו האסט דאס גע'כשר'ט איז עס גענוג כשר פאר אונז."

"דו הערסט, שרה, א מסירת נפש פון אן עלנדע מיידל וואס האט פארלוירן איר גאנצע וועלט ביים קריג. זי האט געטון דאס מערסטע וואס זי האט געקענט צו האבן א כשר'ן פסח ווייל דער אויבערשטער וויל זען אונזער הכנה און יגיעה פאר א מצוה, אבער ווי אזוי דער מצוה זאל זיך אויסשטעלן איז שוין בכלל נישט אין אונזערע הענט. נאר תפילה קען אונז ברענגען דערצו."

# סדר המעמד

בעזהשי"ת




## ב' דחול המועד פסח

# יום שלישי באולם

# אוהל פיגא

רחוב אדמו"ר מבעלזא 8,

בית שמש

# בשעה 1:00

1:00 פתיחת שערים

1:15 התחלת המעמד

1:30 דברי פתיחה ע"י ר' שאול סידוטה שליט"א

1:40 ניגוני חג

2:00 סיום על ספה"ק סיפורי מעשיות

2:10 שאלות לחידוד הסיפורים

2:20 התחלת ספה"ק סיפורי מעשיות

2:30 געכאפט דעם באן

3:45 ריקודים והמחאת כף

4:00 גורלות ופרסים

4:15 סיום המעמד בעז"ה

פאר מער פרטים וואו מען קען נאך באקומען די קארטלעך

רופט 02-5-3333-72

מען בעט די חשוב'ע קינדער זאלן מתפלל זיין
אז דער הייליגער מעמד זאל ברענגען כבוד שמים
און כבוד פארן שם הצדיק.